№ 26 Opłata pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראָשן. • עלפטער יאָהרגאַנג. "CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Biblioteka Jagiellońska
Kraków
Św. Anny 19

טשענסטאָכאָווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאָג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע
ערשטע אַלעע 6 — טעלעפאָן 201

אַנאָנסען-פרייז פאַר אַ מילימעטער-שורה:
[illegible]

אַבאָנעמענט-פרייז: אַ מאָנאַט 20 גראָשן.
[illegible]
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
[illegible]

פרייטאָג, פ׳ בהעלותך כ״ סיון תרצ״ב. | ליכט-צינדען 7.45 | Piątek, d. 24 czerwca 1932.

בעריכט פון דער געז. „לינת הצדק״ פאַר׳ן יאָהר 1931.

פערוואַלטונג: פרעזעס — א. האַמבורגער. וויצע-פרעזעסען: ד״ר י. ליפינסקי און י. זילבערשטיין. קאַסירער — ב. זשעריקער. סעקרעטאַר— א. מיענטקעוויטש. פערוואַלטונג: מ: סודאָוויטש, י. מ. קרעל, א. יור-קעוויטש, א. פאַזיאַק, א. קאָנגרעצקי, י. בעם און י. גרילאַק.

מעדיצינישע הילף האָבען ערטיילט:

אומזיסט: א) קאַבינעט-וויזיטען: ד״ר גייזלער—227, ד״ר ליפינסקי—126, ד״ר באַטאַוויע—92, ד״ר קאָ-נאַר—81, ד״ר גאָלדמאַן—76, ד״ר סטעפאַן קאָן—45, ד״ר עפשטיין—5 ס״ה 652.

ב) ביי קראַנקע אין דערהיים: ד״ר ליפינסקי 29, ד״ר גייזלער—4 ס״ה 33.

פאַר אַ מינימאַלען האָנאָראַריום: א) גאַבינעט-וויזיטען: ד״ר קאַגאַן—413, ד״ר לייזעראָוויטש—154, ד״ר פרענקענבערג—101, ד״ר ל. גוטמאַן—77, ד״ר א. וואָלבערג—46, ד״ר בראַניאַטאָווסקי—42, ד״ר קיאַק—42, פרל. ד״ר קאָהן—25, פעלטשער פישמאַן—19, ד״ר רוס—15, פערשידענע 27 ס״ה 961.

ב) ביי קראַנקע אין דערהיים: ד״ר קאַגאַן—468, ד״ר גוטמאַן—82, ד״ר פרענקענבערג—31, ד״ר קיאַק—6 ס״ה 587.

אויסער דעם זענען אַרויסגעגעבען געוואָרען דורך פריוואַטע אַפּטייקען אויפן חשבון פון „לינת הצדק״ 721 רעצעפטען פאַר קראַנקע, וואָס האָבען זיך געוואַנדען פריוואַט צו דאָקטוירים.

די געזעלשאַפט האָט אויך אין לויפענדען בעריכטס-יאָהר טראָץ דעם שווערען קריזיס אַרויסגעהאָלפען אָרימע קראַנקע צו פאָהרען אין קור-ערטער.

רופּטור-פּאַסקעס האָבען בעקומען 39 פּערזאָן.

אויסער דעם זענען אַרויסגעבאָרגט געוואָרען פערשידענע מכשירים ווי: וואַנעס, גומי-קישקעס, באַסע-נער, פענכערזשעס. פון דער אַרט הילף האָבען גענאָסען 827 פּערזאָן.

די פערוואַלטונג האַלט פאַר איהר חוב צו דאַנקען די ה״ה דאָקטוירים פאַר זייער אומזיסטע הילף לטובת די אָרימע קראַנקע.

קאַסע-בעריכט.

הכנסות:		הוצאות:	
באַר, דעם 1 יאַנואַר 1931	5380	הוצאות אויפן אַמבולאַטאָריום	249226
מיטגלידס-בייטראָג	265567	„ רעצעפטען אין דער אַפּטייק	193289
נדבות	85221	„ דאָקטוירים-וויזיטען	219450
אָבצאָהלונגען פאַר מעדיצינ. הילף	112124	„ קוראַציע-הילף	93—
יודישע קהלה-סובסידיום	2920—	„ פערשידענע מעדיצינישע הילף	86—
מאַגיסטראַט	400—	„ מכשירים	15—
הלוואה אויף צו דעקען דעם דעפיציט	1250—	„ אינקאַסאָ-קאָסטען פון מיטגלידס-בייטראָג און נדבות	65803
		„ אַדמיניסטראַציע- און ביוראָ-קאָסטען	163650
		באַר דעם 31/12 1932 י.	14474
	925292		925292

בודזשעט אויפן יאָהר 1932.

הכנסה:		הוצאות:	
מיטגלידס-בייטראָג	2600 —	הוצאות אויפן אַמבולאַטאָריום	1800 —
נדבות	850 —	„ רעצעפטען	1000 —
אָבצאָלונגען פאַר מעדיצינישע הילף	1000 —	„ דאָקטוירים-וויזיטען	1500 —
יודישע קהלה	2500 —	„ פערשידענע מעדיצינישע הילף און מכשירים	100 —
ספּעציעלע אימפּרעזע און בע-שטייערונגען אויף צו דעקען דעם		„ אינקאַסאָ-קאָסטען	600 —
דעפיציט	500 —	„ אַדמיניסטראַציע און ביוראָ-קאָסטען	1200 —
		דעפיציט	1250 —
	7450 —		7450 —

בעריכט פון דער רעווידיר-קאָמיסיע.

אויף דער זיצונג פון 20 מאַי 1932 י. זענען קאָנטראָלירט געוואָרען די ביכער און דאָס בעווייז-מאַ-טעריאַל פון דער געזעלשאַפט פאַר׳ן יאָהר 1931.

עס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז דעם 1 יאַנואַר 1932 האָט זיך געפונען מזומנים 144,74 זל. די ביכער און דאָקומענטען זענען געפונען געוואָרען אין אָרדנונג.

(—) ש. גערווערצמאַן. (—) מ. ראָזענצווייג.

זונטאָג, ד. 26-טען יוני

דער ערשטער טערמין 5 אָוונד, צווייטער טערמין 7 אָוונד

קומט פאַר

אין אייגענעם לאָקאַל, בערקאַ יאָסעלעוויטשאַ 3

די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון „לינת הצדק״.

טאָג-אָרדנונג:

1) ערעפנונג. 2) וואַהלען פון אַ פאָרזיצער. 3) בעריכט פאַרן יאָהר 1931. 4) בודזשעט אויפן יאָהר 1932. 5) וואַהלען פון 3 פערוואַלטונגס-מיט-גלידער אויפן אָרט פון די אָבטרעטענדע לויט׳ן סטאַטוט ה״ה: אהרן קאָנגרעצקי, יוסף בעהם און יעקב גרילאַק און זייערע קאַנדידאַטען. 6. וואַהלען פון די רעווידיר-קאָמיסיע און קאַנדידאַטען. 7) פרייע פאָרשלאַגען.

מיטטיילונג.

מאָנטאָג, ד. 27 יוני

11 אַ זייגער פריה

קומט פאַר אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע 10

יערליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון פרויען-פעראיין „עזרה״,

אויף וועלכער אַלע מיטגלידערינס ווערען געבעטען צאָהלרייך צו קומען.

בעמערקונג: אין פאַל ווען עס וועט נישט קומען אין אויבענדער-מאָנטען טערמין די געהעריגע צאָהל מיטגלידערינס, וועט די פער-זאַמלונג פאָרקומען אין דעם זעלבען טאָג און אָרט 4 אַ זייגער נאָכ-מיטאָג און וועט זיין גילטיג ביי יעדע צאָהל אנוועזענדע מיטגלידער.

די פערוואַלטונג פון פרויען-פעראיין „עזרה״ אין טשענסטאָכאָוו.

מיטוואָך, ד. 29 יוני 4 נאָכם.

קומט פאַר

די פּאָהן-פייערונג פון בעקער- און צוקערניקעס-צעך.

פּראָגראַם: 1) ערעפנונג. 2) ענטהילונג פון פּאָהן. 3) בעגריסונגען און נעגעל - קלאַפּען. 4) באַנקעט. אָנהויב פון באַנקעט 9 אָוונד.

ענטשולדיגונג.

איך בעט ענטשולדיגונג ביים סטאַרשע פון בעקער-צעך ה׳ ה. אופנער, פאַר מיין אונטאַקטישע האַנדלונג און איך פערזיכער, אַז אַזעלכעס וועט מעהר נישט פאָרקומען.

גיטל פרישמאַן.

אָהן אָבטרעט = געלד

אַ געוועלב אין הויף 2 אַלעע 18 געגען איבער דעם טיער צו פערדינגען. ערפאַהרען ביי לענטשנער, אַלעע 14 פון 2—3.

שוין צו פערדינגען

אַ גרויסען פאַבריקס-לאָקאַל אין דער ערשטער אַלעע אין בעסטען צענטער.

ערקונדיגען זיך אין רעדאַקציע פאַר „ג״.

צענטראַלער יודישער האַנדווערקער-פערבאַנד אין פוילען אָפּט. טשענסטאָכאָוו.

זונטאָג, ד. 26 יוני 6 אָוונד

קומט פאַר אין אייגענעם לאָקאַל, אַלעע 12

די אַלגעמיינע פערזאַמלונג פון פערבאַנד

מיט וואַהלען פון אַ פערוואַלטונג.

די וויכטיגסטע אַקטועלע פראַגען פאַר׳ן יודישען בעל - מלאכה.

אַלע האַנדווערקער דאַרפען אין זייער אייגענעם אינטערעס בעזוכען די פערזאַמלונג.

קומט און איבערצייגט אייך !

איך מאַך בעקאַנט די געעהרטע קונדשאַפט, אַז איך האָב געעפענט אַ פאַבריק פון

אַלעראַרט קינדער = וואָגען ספּאָרט

אויך ענגלישע קיסטען = וואָגען

לויט די נייסטע קאָנסטרוקציעס צו זעהר צוגענגליכע פרייזען.

גלייכצייטיג נעם איך אָן פערשידענע מעטאַל-ווערק צו ניקלען און כראָמירען דויערהאַפטיגקייט ווערט גאַראַנטירט.

מיט אכטונג Wytwórnia wózków M. N. MINC, Fabryczna 25.

די פרייזען זענען ביליגער !

די בעוואוסטע פירמע

Karol Jankowski i Syn

2-ga ALEJA № 39

מאַכט בעקאַנט, אַז אַלערליי טוך-סחורות פון ערשטקלאַסיגער קוואַליטעט זענען בעדייטענד ביליגער געוואָרען.

נוצט דעריבער אויס די געלעגענהייט און מאַכט אייער איינקויף נאָר אין אונזער פירמע.

איהר וועט זיכער נישט האָבען קיין חרטה.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פרל.

סאַלאַ קאַרטוז און פאַמיליע

צום פריהצייטיגען טויט פון זייער פרוי און מוטער

יענטע נ״ע.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

פאַמיליע לעוויט.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזערע שכנים דער פאַמיליע קאַרטוז

צום טויט פון זייער ליעבע פרוי און מוטער

יענטע נ״ע.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

ישעי׳ גראַנעק, פרוי און קינדער.

P. EDZI GLIKLICHÓWNIE oraz Rodzinie

z powodu śmierci Ich MATKI

najgłębsze współczucie wyraża Sekcja żeńska przy Ż. K. S. „Warta".

P. MARJI GLIKLICH

z powodu zgonu

Jej b. p. MATKI

wyraża współczucie

Klub Lingwistyczny w Częstochowie

טיעף געריהרט צוליב׳ן פלוצלינגען טויט פון מיין פּאַך-פרוינדין

רחל גליקליך נ״ע

דריק איך אויס דעם טיעפסטען מיטגעפיהל די איבערגעבליבענע קינדער און פאַמיליע.

אקושערין ס. זיידבערג.

P. EDZI GLIKLICHÓWNIE oraz Rodzinie

z powodu śmierci nieodżałowanej

Ich MATKI b. p.

wyrazy szczerego współczucia składa

Marek Kaufman.

SZKOŁA KOEDUKACYJNA i PRZEDSZKOLE

z prawami szkół państwowych

Zofji Wajnsztokówny

w CZĘSTOCHOWIE, PIŁSUDSKIEGO 17,

przyjmuje zapisy na rok szkolny 1932/33 do wszystkich klas (od A do 4 włącznie).

DO PRZEDSZKOLA przyjmuje się dzieci od LAT 3-ch.

Uwaga: Po ukończeniu naszej szkoły dzieci przechodzą do 5-tej klasy gimnazjalnej.

DLA NIEZAMOŻNYCH ULGI.

Szkoła Rzemieślniczo-Przemysłowa dla Żydów

w Częstochowie, Garncarska 8

zawiadamia, że przyjmuje zapisy z dniem 15 maja do oddziałów ślusarsko-mech., stolarskiego i elektrotechn.

Zgłoszenia przyjmuje kancelarja w godz. od 9-ej do 2-ej.

נאָטיצען.

רעדוקציעס.

צווישען די פערשידענע מיטלען וועלכע יחידים אָדער געזעלשאַפטען נעמען אָן צו לינדערען דעם הערשענדען קריזיס פערנעמען אַהן צווייפעל דעם ערשטען פּלאַץ די רעדוקציעס, וואס ווערען געמאַכט כדי צו פערקלענערען די אויסגאַבען און ממילא מיט דעם צו פערגרעסערן די פערדינסטען.

און צווישען די פערשידענע רעדוקציעס וואס ווערען אַדורכגעפיהרט מיט'ן צוועק צו בעזייטיגען אוננויטיגע אויסגאַבען, פערנעמען ווידער דעם ערשטען פּלאַץ די בעאַמטען - רעדוקציעס, וועלכע ווערען אַנגעווענדעט אין די רעגירונגס און קאָמונאַלע אַנשטאַלטען און אויך אין די פּריוואַטע און געזעלשאַפטליכע אונטערנעהמונגען.

די דאָזיגע בעאַמטען-רעדוקציעס זענען פערהאַנען צוויי: מען רעדוצירט דאס בעאַמטען-פּערסאָנאַל, דאס הייסט מען שאַפט אָב אַ טייל בעאַמטע, און די וואס בלייבען אויף זייערע אַמטען מוזען אויספיהרען אויך די אַרבייט פון די אָבגעזאָגטע, אָדער מען רעדוצירט די לויהנען, דאס הייסט, אַז פאַר דער זעלבער אַרבייט בעקומט דער בעאַמטער אַ קלענערן לויהן. אין אויסנאַהמספאַלען טרעפט אויך אַז עס ווערען גלייכצייטיג געמאַכט ביידע רעדוקציעס, אַזוי אַז די בעאַמטע וואס ווערען נישט בעזייטיגט מוזען פאַר אַ פערקלענערטען געהאַלט ערלעדיגען אויך די אַרבייט פון די ענטזאָגטע.

און עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די בעאַמטען-רעדוקציע אין וועלכער פאָרם די זאָל נישט פאָרקומען, ווערט כמעט שטענדיג אַנגעווענדעט די ערשטע ביים ווילען פערקלענערן די הוצאות, נישט פערטראַכטענדיג זיך פריהער, אויב עס זענען נישט פערהאַן קיין אַנדערע אויסגאַבען וועלכע מען דאַרף פריהער רעדוצירען, אין מלוכה-בודזשעט שפּילען די בעאַמטען-רעדוקציעס אַ זעהר גרויסע ראָלע, טראָץ דעם וואס די מלוכה אָלס אַזאַלכע האט גענוג אויסגאַבען, וועלכע וואָלטען אפשר אויך געדאַרפט און געקאָנט רעדוצירט ווערען און אַזוי איז דאס אין די קאָמונאַלע אַנשטאַלטען, לעצטענס האט זיך דאס אַנגעהויבען אויך אין אונזערע קהלה'שע אינסטיטוציעס.

אין וואַרשא, למשל, פערשטעהט די הייגטיגע אגודה'שע קהלה, אַז מען דאַרף רעדוצירען די בעאַמטע אַזוי אין די פּערזאָנען ווי אין די פּענסיעס, אין דער צייט ווען מען געהט אַנגאַזשירען אַ געוויסע צאָהל נייע בעאַמטע וואס רופען זיך רבנים אָדער דיינים. אין אַנדערע יודישע קהלות קומען אויך פאַר רעדוקציעס, און אַזוי איז דאס געוואָרען אַקטועל ביי אונז אין טשענסטאָכאָוו, וואו עס זאָלען פאָרקומען בעאַמטען-רעדוקציעס אין דער קהלה.

מיר ווילען דאַביי אַנמערקען אַז דאס איז אַ נישט-ריכטיגע ערשיינונג און אַז די בעאַמטען - רעדוקציעס האָבען לויט אונזער מיינונג געדאַרפט פערנעמען ערשט דעם לעצטען פּלאַץ אין די אַלגעמיינע רעדוקציעס, זעלבסטפערשטענדליך זענען פערהאַן בעאַמטען-רעדוקציעס וואס וואָלטען געקענט זיין פולשטענדיג בערעכטיגט, ווי למשל די דירעקטאָרען פון די קאַרטעלען אָדער פון דער גרויס-אינדוסטריע וועלכע נעמען לעגענדאַרע פּענסיעס, אָבער גראָד ביי זיי ווערען דאָך טאַקע די רעדוקציעס נישט אַנגעווענדעט, ווארום ווער וועט זיי רעדוצירען אויב זיי זענען די פּאַקטישע בעלי-בתים (אמת, מען שמועסט וועגען אַ דעקרעט פון מלוכה - פּרעזידענט און דער הינזיכט, אָבער ווער ווייסט וויפיעל אמת ס'איז אין דעם פערהאַן).

עס איז אַ פערשטענדליכע זאַך, און מיר זעהען דאָס פּאַקטיש, אַז דער בעאמטער וועלכען זיין פּאָסטען ברענגט איהם נישט אויף צו קענען לעבען מיט זיין פאַמיליע איז שטענדיג פערביטערט, די זאָרג פאַר דער פאַמיליע פערנעמט זיין גאַנץ וועזען און די אַרבייט ווערט דעריבער פערנאַכלעסיגט. ביי געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס טרייבט דאָס די בעאַמטע צו לאַפּובקע, און דערפיהרט צו אַ דעמאָראַליזאַציע, אָדער צום מאַכען מאַלווערזאַציעס. פּיעל מאָל טאַקי צוליב דעם ווייל די נויט צווינגט זיי דערצו און דאָס איז געוויס פאַר דער געגעבענער אונטערנעהמונג נישט געזונד, און אנשטאט נוצען ברענגט עס זיי שאָדען.

אַזוי איז דאָס, די בעאַמטען רעדוקציעס דאַרפען נישט געמאַכט ווערען גלאַט אין דער וועלט אַריין, ווייל ס'איז געוואָרען אַזאַ מאָדע און מען דאַרף זי מיטהאַלטען, נאָר מען דאַרף זיך פריהער פערטראַכטען צי זיי מוזען געמאַכט ווערען, און אויף וואָסערע ווייזע מען דאַרף זיי אַדורכפיהרען, אַז זיי זאָלען נישט האָבען קיין פערקעהרטע ווירקונג.

איבערהויפּט דאַרף מען זיך וועגען דעם ערנסט פערטראַכטען אין די יודישע קהלות, אויך אין אונזער טשענסטאָכאָווער קהלה, ווארים מיר ווייסען, אַז די קהלות ווערען אין אַ זעהר גרויסעד מאס פּאַקטיש אַנגעפיהרט דורך די בעאַמטע, בפרט ביי אונז וואו מיר האָבען נאָכנישט קיין בעשטעטיגטע נייע קהלה, איז אויב מען וויל, אַז די קהלה זאָל ווי עס איז נאָרמאַל פונקציאָנירען, מוזען די בעאַמטען-רעדוקציעס אין וועלכער פאָרם זיי זאָלען נישט פאָרקומען, גוט און אַלזייטיג בעטראַכט ווערען, איידער מען געהט זיי אַדורכפיהרען.

י. פּ.

די וואָך.

לאַזאַן.

די גאַנצע פּאָליטישע וועלט ערוואַרט מיט שפּאַנונג דעם אויסגאַנג פון דער קאָנפערענץ, וואָס קומט פאָר אין לאַזאַן, וואו עס קומען אָבער פאָר שאַרפע מיינונגס-פערשידענהייטען צווישען די הויפּט-פיהרער פון ענגלאַנד און פראַנקרייך. אויך דער אַמעריקאַנער פּרעזידענט הובער גיט דער קאָנפערענץ אינסטרוקציעס דורכ'ן ראַדיאָ, און פּאָדערט קאָנקרעטע מעשים. — עס ווערען פאָרגעלייגט פערשידענע טיילווייזע ענטוואָפנונגס-פּלענער, וועלכע וועלען מוזען פאָרט ברענגען צו אַ פערשטענדיגונג, טראָץ די דראָהונגען און אולטימאַטימס פון איינצעלנע מלוכות.

בירגער קריעג אין דייטשלאַנד.

די היטלעריסטישע בעוועגונג אין דייטשלאַנד וועגען וועלכער מען האָט געקאָנט פאָרזעהען, אַז זי איז עלול חרוב צו מאַכען דאָס לאַנד, האָט שוין דערפיהרט צו אַ בירגער קריעג, און עס קומען פאָר אונאויפהערליכע צוזאַמענשטויסען צווישען די היטלעריסטען פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט די לינקע סאָציאַליסטען פעראייניגט מיט די קאָמוניסטען. די דאָזיגע צוזאַמענשטויסען האָבען אַנגענומען אַ זעהר שאַרפע פאָרם, און שוין געבראַכט פּיעל קרבנות. מען רעדט וועגען איינפיהרען אין דייטשלאַנד אויסנאַהמס-צושטאַנד.

וויכטיגע קאָנפערענצען.

אין די פּאָליטישע קרייזען אין לאַנד שמועסט מען ווידער וועגען וויכטיגע פּאָליטישע ענדערונגען וואס זאָלען פאָרקומען, און די קלאַנגען שטיצען זיך אויף דעם וואָס מאַרשאַל פּילסודסקי איז אָבגעפאָהרען קיין טשעכאָטשינעק אויף אַ קאָנפערענץ מיט'ן מלוכה-פּרעזידענט, וועלכער געפינט זיך דאָרט אויף קוראַציע, וואו עס זאָל זיין אַרומגערעדט געוואָרען אַקטועלע פּאָליטישע פראַגען. חוץ דעם מעלדעט אַ ספּעציעלער קאָמוניקאַט, אַז היינטיגע וואָך וועט דער מיניסטאָרען-ראַט אַננעמען זעהר וויכטיגע בעשלוסען פון ווירטשאַפטליכען כאַראַקטער.

וואָס וויל וויטאָס?

דאס פּרעזידיום פון דער פויערים-פּאַרטיי אונטער'ן פאָרזיץ פון וויטאָס'ן האָט בעשלאָסען אַרויסצוגעבען אַ מאַניפעסט צום פאָלק אין וועלכען עס זאָל געפאָדערט ווערען צו רופען אַ אויסערגעוועהנליכע סיים-סעסיע כדי אַרומצורעדען דעם מצב פון לאַנד, פונאַנדערלאָזען דעם סיים. און שאַפען נייע וואַהלען, און ווען דאָס וועט נישט צושטאַנד קומען וועלען אַלע דעפּוטאַטען פון דער פויערים-פּאַרטיי לעגען זייערע מאַנדאַטען.

סעסיע פון אַקציאָנס-קאָמיטעט.

אויף דער סעסיע פון ציוניסטישען אַקציאָנס-קאָמיטעט, וועלכע ווערט געעפענט דעם 25 יולי אין לאָנדאָן, וועלען בעטראַכט ווערען די אַקטועלע ציוניסטישע פּראָבלעמען. אויך וועלען בעהאַנדעלט ווערען אַלע ספקות און כאַראַשלאַגען וואָס זענען פערבינדען מיט'ן פרענטש-בעריכט.

אַנטי-יודישע עקסצעסען אין בריסק.

פערגאַנגענעם שבת בעת אַ ספּאָרט-יום-טוב פון דער קריסטליכער שול-יוגענד אין בריסק, ווען עס האָבען זיך פערזאַמעלט פּיעל יודען אַלס צושויער, איז געקומען צו אַ גרויסען אַנפאַל אויף די אונשולדיגע יודען מצד דער קריסטליכער יוגענד, וועלכע זענען שפּעטער אויך אַוועק אין די יודישע גאַסען און יעדען יוד וואָס זיי האָבען געטראָפען האָבען זיי געשלאָגען מכות רצח, זאָגאר פרויען און קינדער זענען דורך די כוליגאַנעס נישט געשוינט געוואָרען, און די עקסצעסען האָבען אַזוי געדויערט ביז שפּעט אין אָוונד.

פּוילישע אינערליכע הלוואה.

די פּוילישע פּרעסע טיילט מיט, אַז אין די פינאַנציעלע קרייזען ווערט געשמועסט וועגען אַ פּראָיעקט וואס ווערט יעצט בעטראַכט אין פינאַנץ-מיניסטעריום צו מאַכען אַ אינערליכע הלוואה אויף אויפצולעבען די פּוילישע ווירטשאַפט. דיהלוואה זאָל האָבען דעמזעלבען כאַראַקטער וואס די אויפלעבונגס-הלוואה (פּאָזשיטשקאַ אָדראָטשעניאַ) פון יאָהר 1920. דאס געזעץ וועגען דער הלוואה מוז אַנגענומען ווערען דורכ'ן סיים.

וועגען דער פּוילישער באַהן הלוואה.

ווי עס ווערט מיטגעטיילט איז דער פינאַנץ מיניסטער קאָץ, אַרויסגעפאָהרען קיין פּאַריז. זיין רייזע שטעהט אין צוזאַמענהאַנג מיט די נייע פּרובען צו בעקומען די צווייטע פּאַרטיע געלד פון דער פראַנצויזישער הלוואה אויף צו בויען די באַהן-ליניע פון אויבערשלעזיען. — ווי בעוואוסט זענען די אונטערהאַנדלונגען וועגען דעם איבערגעריסען געוואָרען צוליעב די ענדערונגען וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער פראַנצויזישער רעגירונג.

דער פעראייניטליכטער שטראָף-קאָדעקס.

ווי בעוואוסט זענען ביז היינט נאָך נישט פעראייניטליכט געוואָרען די געזעצען פון שטראָף-קאָדעקס אין גאַנץ פּוילען, אין געוויזענע אָקופּירטע געביטען הערשען נאָך געוויסע געזעצען וואס זענען געווען איינגעפיהרט דורך די אָקופּאַנטען. איצט שוין אַ געוויסע צייט ווי עס ווערט דורך דער קאָדיפיקאַציע-קאָמיסיע אויסגעאַרבייט אַ נייער שטראָף - קאָדעקס וועלכער וועט זיין פעראייניטליכט און פערפליכטען אויף די גאַנצע פּוילישע רעפּובליק. דער דאָזיגער נייער קאָדעקס זאָל פערטיג ווערען אין אָקטאָבער ה. י.

די ענטלאָפענע.

(13

ראָמאַן פון יודישען לעבען אין דייטשלאַנד אין 18-טען יאָהר-הונדערט.

פון י. איזאַקזאָהן.

(פאָרטזעצונג).

אויף דעם יונגען רייכמאַן האט די וואַרימע אויפנאַהמע געמאַכט אַ זעהר גוטען איינדרוק און ער האט געענטפערט:

איך נעם אָן אייער גאַסטפריינדשאַפט, איך בין באמת ערשט אין פראַנקפורט געוועזן איינמאָל, ווען איך בין צוריקגעפאָהרען פון בערלין.

זענט איהר שוין געוועזן אין בערלין? —האט יעקב משה פערוואונדערט געפרעגט, ווארום אין יענע צייטען צו פאָהרען פון וואַרשא נאָך בערלין איז געווען אַן'אויסערגעוועהנליכע רייזע.

יאָ, מיינע הערען—האט רייכמאַן געענטפערט—נאָכדעם ווי איך האָב מיט 2 יאָהר צוריק געענדיגט די שולע אין וואַרשא, האָב איך געוואָלט שטודירען אין אויסלאַנד, איך בין דאַמאָלס געפאָהרען נאָך בערלין און וויען, אָבער איך בין נישט אַנגענומען געוואָרען אין קיין הויך-שול, און האָב דאריבער געמוזט אויפגעבען מיין פּלאַן וועגען סטודיום און זיך פערנעמען מיט מיין פאָטערס געשעפטען.

ביידע, יעקב משה מיט דער פרוי, האָבען זיך איבערגעקוקט, ווען דער דאָזיגער יונגער מענש האָט אַזוי לאַגיש און פערשטענדליך גערעדט אַזוי ווי אַן'עלטערער ערפאַהרענער מענש, און יעקב משה וואס איז געווען אַ שטרענג-רעליגיעזער יוד האט ביי זיך געטראַכט אַז די יודען אין פּוילען זענען נישט גענוג פרום, און זאָגאר אַזאַ יוד ווי דוד רייכמאַן האָט ערצויגען זיין זוהן אַלס פרייען נישט-גאָטספאָרכטיגען מענש.

זיי האָבען צווישען זיך גערעדט אַביסעל וועגען דעם געשעפט, וואס זיי מאַכען צווישען זיך. אַדאָלף האט איהם ערקלערט, אַז ער האָט מיטגעבראַכט געלד פאַר דער גאַנצער פּאַרטיע וואס יעקב משה האָט פאַר איהם רעזערווירט, און ער איז גרייט צו קויפען און אויפ'ן אָרט צו בעצאָהלען פאַר אַ נאָך גרעסערען קוואַנטום סחורה, פון וואס יעקב משה איז געווען זעהר צופרידען, און דאַן האט ער געזאָגט צו זיין פרוי:

דער יונגער ה' רייכמאַן איז געוויס זעהר מיעד פון דער ווייטער רייזע, הייס פאַר איהם צוגרייטען דאס קליינע גאַסט-צימער, וואו ער וועט זיך איינאָרדנען צו וואוינען די גאַנצע צייט פון זיין אויפענטהאַלט אין פראַנקפורט.

שפרה איז אַרויס, און יעקב משה מיט רייכמאַנען האָבען נאָך געשמועסט וועגען געשעפטליכע ענינים, וועגען דער מעסע, אָבער באַלד איז צוריק אַריינגעקומען שפרה, און האט דעם יונגען רייכמאַן אַוועקגעפיהרט אין זיין ספּעציעלען צימער.

אַדאָלף רייכמאַן איז ווירקליך געווען זעהר מיעד און ערשעפּט פון דער אַזוי-ווייטער רייזע, און זייענדיג צופרידען, וואס ער האט זיין געשעפט באַלד אין ערשטען מאָמענט כמעט ווי ערלעדיגט, האָט ער זיך געלעגט שלאָפען און איז באַלד זעהר געשמאַק איינגעשלאָפען.

אַ שלעכטע, אַ פערדאָרבענע וועלט —האט יעקב משה געזאָגט צו זיין פרוי ווען זי איז צוריק אַריינגעקומען אין זיין צימער—דוד רייכמאַן איז אַ זעהר פרומער, אָבגעהיטענער יוד און אַ גרויסער בן-תורה, און אָט זיין זוהן איז שוין אַזוי פריי געשטימט, זעהט אויס ווי אַ גוי, היט נישט אָב די יודישע דינים און מנהגים. יאָ, פּוילען איז פערדאָרבען, זעהר פערדאָרבען לײדער, האט ער געענדיגט מיט אַ טיעפען זיפץ.

אויך שפרה זיין פרוי האט זיך טיעף פערטראַכט, עס איז שווער צו זאָגען וועגען וואס זי האט געטראַכט, אפשר האט איהר מוטער-הארץ געהאַט עפּיס אַ פאָרגעפיהל, אָבער באַלד האט יעקב משה ווייטער געזאָגט:

יעדענפאַלס בין איך זעהר צופרידען וואס רייכמאַן איז גראָד היינט געקומען. ווען ער זאָל קומען אַ טאָג שפּעטער און די וואָל וואָלט שוין געווען פערקויפט, וואָלט איך דאס גרעסטע עגמת-נפש געהאַט, איצט איז ב"ה אַלץ אין אָרדנונג, אויך ביי דער נייער טראַנזאַקציע וואס ער וויל מאַכען וועל איך אויך פערדינען געלויבט השי"ת— האָט ער פערענדיגט, אויפהויבענדיג זיינע אויגען פרום צום הימעל.

יעקב משה איז אַוועק אויף דער מעסע, און זיין פרוי האָט זיך גענומען צו איהר טעגליכער אַרבייט אין שטוב. חנה'לע איז נאָך געשלאָפען, זי איז די לעצטע צייט געווען ווי אָבגעשלאָסען מיט זיך אַליין און איז כמעט נישט אַרויס פון איהר צימער, אין דער שולע זענען דאַמאָלס געווען די זומער-פעריען, דעם פאַריאָהריגען קורס האט זי געהאָט גלענצענד געענדיגט און איז איבערגעגאַנגען אין דער לעצטער קלאַס וועלכע זי האט געדאַרפט ענדיגען אין קומענדען יאָהר, אָבער ווען זי האָט זיך דערמאַנט אַז באַלד נאָך דער מעסע וועט פאָרקומען איהר חתונה, וועלכע איז שוין געווען בעשטימט, האט זי דאס בעאומרוהיגט, טראָץ דעם וואס זי האט זיך בעמיהט מיט אַלע כוחות זיך צוצופאַסען צו דער געשאַפענער לאַגע.

אַדאָלף רייכמאַן איז אין זיין צימער געשמאַק געשלאָפען, ערשט געגן מיטאָג האט ער זיך אויפגעכאַפּט, און ווען ער האט געעפענט די טיער פון זיין צימער, איז שוין געשטאַנען אַ דיענער וועלכער האָט געוואַרט ביז ער וועט אויפשטעהן, און ער האט איהם געפרעגט, אויב ער זאָל איהם דערלאַנגען צו עסען, און ווען אַדאָלף האט געזאָגט, אַז ער וויל ווירקליך עסען, איז באַלד אַריין צו איהם שפרה, יעקב משה'ס פרוי, וועלכע האט אַריינגעבראַכט אין זיין צימער אַ טאָץ מיט שפּייז.

אַך, איך דאַנק זעהר פאַר אייער מיה—האט דער יונגערמאַן געזאָגט— איך וועל נאָר עפּיס עסען און אַוועקגעהן בעטראַכטען די מעסע.

אַדאָלף האט זיך אַוועקגעזעצט עסען און שפרה איז געוואָרען ערשטוינט זעהענדיג ווי ער עסט מיט'ן בלויסען קאָפּ, טראָץ דעם וואס געדאַוונט האט ער יאָ געהאַט, ווייל זי האט געזעהן ווי די תפילין ליגען אויפ'ן טיש, און זי אַרויס פון צימער פשוט דערפאַר, ווייל זי האָט נישט געקענט צוזעהן ווי אַ יוד בעגעהט אַזאַ פערברעך.

אַדאָלף האט שנעל אָבגעגעסען און איז אַרויס פון זיין צימער, ווילענדיג געהן אויף דער מעסע. אין גרויסען קאָרידאָר האט ער זיך צונויפגעטראָפען מיט·דער בילד-שעהנער חנה'לע, ביידענ'ס בליקען האָבען זיך אינסטינקטיוו בעגעגענט, אָבער ביידע האָבען נישט געוואוסט ווער דער צווייטער איז.

ערשט נאָכדעם ווי אַדאָלף איז אַרויס האָט חנה'לע געפרעגט איהר מוטער ווער עס איז דער יונגערמאַן, וואס איז ערשט אַרויס פון קליינעם גאַסט-צימער.

(פאָרטז. קומט).

א פעראייניגטער פראנט!

פון ד"ר יעקב וויגאדזקי.

נארישע יודישע „פאליטיקער האמפערען זיך, ווי זייער שטייגער איז, איבער דעם ציוניזם: ס'טייטש, טענה'ן זיי, די קאלאניזאציע אין א"י איז פאר יודען שטארק בעגרעניצט געווארען, די ערד-קניות דאס זעלבע: היינט וואס וויל דער ציוניזם? דער ציוניזם וויל און וועט דערגרייכען זיין ציל, נישט קוקענדיג אויף אלע מעגליכע מניעות, ווייל איבער די ענגלישע „וויים-ביכער", „בעריכטען" קאלאניען- מיניסטעריום, א"י-אדמיניסטראציע און די אראבער איז דא א יודישע אייזערנע עקשנות, וועלכע האט זיך אויסגעשמידט אין משך פון דעם צוויי-טויזענד-יעהריגען יודישען גלות, ווען קיין שום רדיפות און מניעות האבען יודען נישט געקאנט אראפשטופען פון זייער היסטארישען וועג! קוקט איהר זיך צו נעהנטער צו דעם, וואס קומט פאר אין א"י, בעמערקט איהר באלד, ווי דאס לאנד ווערט וואס ווייטער, אלץ מעהר אינפילטרירט פון יודען, נישט קוקענדיג אויף אלע מניעות!

אזוי, למשל, מערקט זיך דארט א בעוועגונג, וואס דער עולם רופט אן „די פינפטע עליה", וואס האט זיך נאך דערווייל אפשר נישט אינגאנצען אויסקריסטאליזירט, וועמענס עיקר-קאנטורען אבער טרעטען ארויס אלץ קלארער און שארפער. דאס איז א שטרעבען דער עיקר צו אינדוסטריאליזירען א"י מיט אלע כחות. דערמיט וועט זיך עפענען א ברייטער און א ווייטער ארבייטס-פעלד נישט נאר פאר יודישע אונטערנעהמער, נאר, וואס איז א סך וויכטיגער, פאר יודישע ארבייטער.

די דערווייליגע פערשמעלערונג פון דער יודישער קאלאניזאציע וועט אויף אזא אופן קאמפענסירט ווערען דורך דעם שטארקען צופלוס פון יודישע ארבייטער צו די יודישע פאבריקען.

אויב די אינטענסיפיקאציע פון דער לאנדווירטשאפט איז ביכולת געוואלטיג צו פערגרעסערען די צאהל ערד-ארבייטער פון א לאנד—איז די אינדוסטריאליזאציע פון א לאנד, בפרט נאך פון אזא לאנד, ווי א"י, וואס ליגט על אם הדרך צווישען מערב און מזרח, בערופען צו פערגרעסערען נאך אין א פיל גרעסער מאס די צאהל תושבים פון דעם לאנד.

עס האט זיך אפשר נאך קיינמאל ביי יודען נישט געשפירט אזא פער'עקשנ'טער ווילען דורכצורייסען זיך אין א"י, נישט קוקענדיג אויף אלע שווערע מניעות ווי איצטער, און דאס איז דער עיקר!...

און נישט נאר אין א"י וועט זיך די יודישע עקשנות און מסירת-נפש דורכרייסען דורך אלע מניעות, נאר אפילו אין גלות וועלען אויך די יודען נישט אונטערגעהן!

דא, ווי אין א"י זענען דא קלוגע „פאליטיקער", וואס טענה'ן, אז יודען מוזען דא אונטערגעהן, ווייל די עקאנאמישע קאטאסטראפאלע לאגע פון יודען לאזט נישט איבער קיין שום האפנונג פאר וועלכען עס איז אויסגאנג אין עתיד, דעריבער זענען די פערקויפטע אסימילירטע יודעלעך אזוי האפערדיג ביי זיך. זיי קלייבען זיך שוין אינגיכען צו בעגראבען אלע פוילישע יודען אויף דעם קאטוילישען בית-עלמין... פאר איטליכען פאלק חוץ יודען, קאן זעהר זיין, אז ביי די געגעבענע נישט-דערהערטע תנאים וואלט ער מוזען אונטערגעהן. יודישע עקשנות אבער און זייער וואונדערבארער צופאסונגס-כח וועט זיי, איך בין דערין זיכער, ארויסראטעווען אויך אהן דעם נאציאנאלען און רעליגיעזען שמד!

על כל פנים איז די לאגע אין א"י א שווערע און אין גלות א קאטאסטראפאלע!

יודען לעבען איבער א שווערע און א סכנה'דיגע גורל-שעה, וועלכע איז נאר אין א געוויסער מאס אבהענגיג פון דער איבערברוכס-תקופה, וואס די גאנצע וועלט לעבט איבער.

יודען מוזען זיך דעריבער פערטראכטען; זיי מוזען זיך קודם-כל אבגעבען א דין-וחשבון פון דער סכנה, וואס שוועבט איבער זייערע קעפ און אננעמען מיטלען אויף צו פערשטארקען זייערע כחות אין דער מלחמה, וואס זיי מוזען פיהרען, כדי די דאזיגע סכנה צו בעזייטיגען.

שוין דער חוש פון אליין פערהיטען זיך מוז אונטערזאגען יודען, אז קודם-כל מוזען זיי זיך פעראייניגען, נישט צוטיפגיסען זיך, נאר פעראייניגען אלע זייערע כחות אין קאמף געגען דער אלגעמיינער סכנה.

אין די ציוניסטישע רייהען מוז יעדע דעמאגאגיע וואס גיכער ליקווידירט ווערען. אלע ברעקלעכישען, שפאלטונגען, כלומר'שטע „דיפערענצירונגען", „שיטות" און „ריכטונגען", וואס פרעסען אויף דעם כח פון דער דאזיגער מעכטיגער ארגאניזאציע, מוזען איינמאל פאר אלעמאל ליקווידירט ווערען! דער שטרעבען צו אזא מין אחדות לאזט זיך מערקען אלץ שטארקער אין אלע ציוניסטישע קרייזען. נישט די „פיהרער" מיט זייער „פילאזאפיע" און אמאל אויך מיט זייער דעמאגאגיע קאנען דא העלפען, ניין! זיי זענען על פי רוב א פערמענט, וואס שפאלט, רייסט אויף און רופט ארויס מחלוקות, נישט קוקענדיג אויף זייערע בעסטע כונות, עהרליכקייט און חשיבות נישט נאר מיט רייד און מיט צייטונגס-ארטיקלען, נאר דער עיקר ביי דער טאג - טעגליכער ציוניסטישער ארבייט שאפט זיך די פעראייניגונג פון די אויבענדערמאנטע גרופעס. די געמיינשאפטליכע ארבייט דעקט באלד אויף די נישטיגקייט פון די אלע אויבענדערמאנטע „שיטות" פון פאריז, קאלע ווארשא או"וו.

אין יעצטיגען מאמענט פאדערט זיך א פעראייניגטע ארבייט. דעריבער מוזען זיך אלע צענטריפוגאלע פרובען, פון וועלכער זייט זיי זאלען נישט פארקומען, אנשטויסען אן אלגעמיינעם ווידערשטאנד! אבער נישט נאר אין די ציוניסטישע רייהען מוז דער קאמף אויפהערען, אדער לכל הפחות, אבגעשוואכט ווערען, נאר צו די נישט-ציוניסטישע ארגאניזאציעס מוז זיך דאס פערהעלטניש שטארק ענדערן. אזוי, למשל, איז דער ביז-יעצטיגער שארפער קאמף פון דעם ציוניזם מיט דער „אגודה", אויף וויפיעל דער ציוניזם איז נישט אנטי - רעליגיעז, ווייניג בערעכטיגט. עס מוז וואס גיכער געשאפען ווערען א געוויסער מאדוס וויווענדי, הן מיט דער אגודה, הן מיט אנדערע גרופירונגען...

א פעראייניגטער פראנט מוז געשאפען ווערען קודם-כל פון ציוניסטען און נאכדעם פון אלע יודישע לעבעדיגע כחות בכלל!

וואס איז שייך דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, מוז זי, אויב זי וויל ווערען אן'אלגעמיינע אין דער אמת'ען טראגען פעדעראטיווען כאראקטער מיט א ברייטער אויטאנאמיע פון די ארטיגע ארגאניזאציעס פאר ארטיגע ענינים. דער צ. ק. מוז זיך בעשעפטיגען מיט אלגעמיינע ענינים, בעטראכטענדיג זיי אין הסכם מיט די מיינונגען פון די ארטיגע ארגאניזאציעס או"וו. דער צ. ק. טאר נישט טראגען קיין שום אליינהערשענדען כאראקטער, וואס בעפעהלט און מישט זיך אין אלץ, אזא ארבייט קאנען נאר אויבערפלעכליכע מענשען בעטראכטען פאר א „פעסטע מאכט"; אין דער אמת'ן אבער ווירקט אזא אליינהערשערישע מאכט נאר דעמאראליזירענד, ווייל זי נעמט אראב די אחריות נישט נאר פון יחידים, נאר פון אלע ארגאניזאציעס, אבטויטענדיג ביי זיי די איניציאטיוו, דעם אונטערנעהמונגס - גייסט און דעם געפיהל פון אחריות...

פ. בלומענקראנץ.

אין מינוטען פון חשבון=הנפש.

— 2 —

דער צוזאמענברוך אין היינטיגען פאמיליען=לעבען.

א.

פאר'ן צוטרעטען צום עצם ענין, ווילען מיר זיך אבשטעלען עטוואס ברייטער אויף די אופנים פון בעציהונג צו דער פרוי אין פאמיליען-לעבען אין פערשידענע צייטען ביי די אומות העולם בכלל—און ביי יודען בפרט, כדי צו בעקומען א בולט'ער בילד פון די ענדערונגען, וואס זענען לעצטענס פארגעקומען אין דער הינזיכט; דער עיקר—די אונגעהויערע שנוי ביי יודען.

ווי האט עס אויסגעזעהן אמאל ביי די אומות העולם?

ביי די פעלקער (אויסער אין די צייטען פונ'ם מאטריארכאט אדער אין מצרים ביז די רעפארמען פון פילאפאטאר'ן) האט געהערשט א געוויסע גרינגשעצונג און סארקאסטישע בעציהונג צו דער פרוי, ווי ביי די גריכען[1], רוימער[2], כינעזער[3] א. ז. וו., אויסער דעם האבען זיך אויך געשאפען אנשויאונגען, געשטיצט דורך בעוועגונגען אדער יחידים, וואס האבען פראפאגירט אסקעטיזם אין ברייטערען זין פון ווארט, ווי אויך סתם דערווייטערונג פון דער פרוי.

די צעליבאט - אנשויאונגען האבען עפ"י רוב געהאט א רעליגיעזע הינטערלאגע. ס'זענען אבער פערהאן געווען אויך געלעהרטע, וועלכע זענען געווען שטארקע אנהענגער פון דער דאזיגער מיינונג.

לויט'ן קריסטענטום איז וואונשענסווערט צו דערווייטערען זיך פון דער פרוי (כאראקטעריסטיש איז טאלסטאי'ס פארמולירונג פון דער פראגע, נעמליך, אז דאס חתונה-האבען דארף מען פערגלייכען צום טויט, ד. ה., אז דעצידירען זיך אויפ'ן דאזיגען, דארף מען נור דעמאלס בעת ס'ווערט פאר'ן מענש אונפערמיידליך ווי דער טויט גופא).

לויט'ן בודדיזם איז די העכסטע מדרגה פון שלמות „נירוואנא", ד. ה. נישט גורם זיין קיין נייע געבורטען און בעפרייען זיך פון אלע ליידען דורכ'ן אויסווארצלען פון זיך די ערדישע בעגעהרען און פערלאנגען, ווייל דער מקור פון לעבען איז פערלאנג און פערלאנג איז נור אילוזיע...

דאס אמת'ע גליק קומט נאכ'ן בעפרייען זיך פון יעדער תשוקה, פון יעדען בעגעהר און פון יעדען פערלאנגי[4].

דאס זעלבע האבען פראפאגירט דענקער פון ריין וועלטליכען שטאנדפונקט. „די מענער, וואס ווילען חתונה האבען —זאגט סאקראט—טהון דאסזעלבע וואס פיש בעת זיי שוואומען ארום די נעץ, וועלענדיג שנעל זיך אריינבעקומען. זיי וויסען אבער נישט, אז פון דארט איז קיין ארויסגאנג נישטא". (אגב: סאקראט'ן האט בעזונדער געטראפען א פרוי צידית שבצידית: קסאנטעפא...)

„דאס גליק לויפט מיר נאך—שרייבט ניטשע אין „זאראטוסטרא"—דאס נעמט זיך דערפון, וואס כ'לויף נישט נאך ווייבער". און עהנליכע מיינונגען בעגעגענען מיר אויך ביי אנדערע דענקער.

פונדעסטוועגען מוזען מיר אבער צוגעבען, אז די דערמאהנטע אנשויאונגען האבען נישט געהאט קיין דעצידירענדען איינפלוס. עפ"י רוב האט מען זיך הומאניטאר בעצויגען צו דער פרוי אפילו אין די אלטע צייטען. בעזונדער צו דער פרוי אלס מוטער, דאס גן-עדן —האט געזאגט מחמד—געפינט זיך ביי די סטאפעס פון די מאמעס. אין רוים —טראץ דער נישט-גלייכהייט פון דער פרוי און מאן— האט די פרוי געשפילט א בעדייטענדע ראל אויך אין עפענטליכען לעבען.

ביי די אראבער איז די פרוי בעהאנדעלט געווארען ערטרעגליך, פערלאנגענדיג פון איהר נור טרייהייט.

מיר זעהען, אלזא, אז טראץ דער בטול'דיגער בעציהונג צו דער פרוי, וועלכע איז צייטענווייז בעגלייט געווען דורך א שטרעמונג לגמרי זיך צו איזאלירען פון איהר, איז אין אלגעמיין די שטעלונג צו דער פרוי געווען א ערטרעגליכע און צום פאמיליען-לעבען—א רעספעקטפולע (אין רוים און גריכענלאנד האט דאס הייראטען געהאט פשוט אויך א פאליטיש-פאטריאטישע בעדייטונג און געווען אין א געוויסער צייט א פליכט).

ב.

ווי האט עס אויסגעזעהן ביי יודען און בעזונדער אין די אלטע צייטען?

כדי נישט צו פיעל מאריך צו זיין וועלען מיר זיך דער עיקר אבשטעלען אויף דער תלמוד-עפאכע, ווייל די שפעטערע תקופות האבען נור קאמענטירט און בעמיהט זיך צו דערהאלטען די פעסטגעשטעלטע לעבענס - פארמען און פארשריפטען פון דער תלמוד-צייט.

יודען טראץ די רעדערייען פון פערשידענע „יודען-קענער" זענען בטבע לעבענס-דורשטיגע, דאס דאזיגע געפונט דעם בולט'סטען אויסדרוק אין דער רעליגיע און התנהגות. א איבערוויגענדער טייל פון די יודישע תפלות זענען געווידמעט לעבען און פרנסה.

די דערמאנטע אנשויאונג קומט ביי יודען צום אויסדרוק נישט נור אין אבשייו צו די, וועלכע איבעררייסען אליין די לעבענס-פעדים (המאבד את עצמו לדעת אין לו חלק לעולם הבא), נור אויך אין פאזיטיווען זין פון קאנטינואירען דעם קיום-האומה.

דערמיט ווערט אונז פערשטענדליך דער כאראקטעריסטישער מאמר פון תלמוד: עד כ' שנה יושב הקב"ה ומצפה לאדם מתי ישא אשה כיון שהגיע כ' ולא נשא, אומר: תיפח עצמותיו (קדושין כ"ט).

(פארטז. קומט).

1) די פרוי איז דער קוואל פון שלעכטס (סאקראט) מ'דארף זיך היטען פאר דער פרוי ווי פאר פייער און פאנטערע (אריסטאפאנעס).

2) מ'דארף נישט אויסקלייבען קיין פרוי, ווייל אלע זענען גארנישט ווערט (פלאוטוס).

3) די פרוי אין איהר לעבען איז אבהענגיג פון דריי: פאר דער חתונה פון פאטער, נאך דער חתונה— פון מאן און נאכ'ן טויט פון מאן — פון איהר זוהן (א כינעזיש פאלקס-ווארט).

4) ווענען דער אויסטייטשונג פון „נירוואנא" זענען פערהאן חליקי-דעות, ווייל מאנכע טעקסטען פון די בודדיסטישע הייליגע ביכער ווייזען נישט, אז מיט „נירוואנא" מיינט מען די גענצליכע איבערגאנג צום אפס. נור יעדענפאלס איז די געבראכטע מיינונג די עפ"י רוב אנגענומענע.

וואס געהערט, וואס געזעהן.

ווען וועט שוין משיח קומען?...

איך מיין דאס דעם, וואס וועט אונז אויסלייזען פון צרות עלעקטריע, צרות וואסער און נאך אזעלכע פרעניות.

מען האט אונז בעשאפען א קולטור, נא זעה מענש, די ערפינדונגען, וואס די גרויסע פילאזאפען און דענקער האבען דיר ערפינדען, און אלץ פאר דיין טובה וועגען, בן-אדם, נעם, געניס מיט דער פולער מאס, און וואס האט זיך אויסגעלאזט? אז אויב מיר האבען ביז - א'יצט געהאט צרות, האבען אינז די נייע ערפינדונגען נאך מעהר פערשאפט קלאפאטען און אומגליקען.

איך זאג דאס אקעגען דעם, וואס די וואך האבען מיר שוין ווידער געהאט א פערזאמלונג פון די עלעקטר-יעאבאנענטען וואו מען האט געטאדעלט (און מיט רעכט) די שטרייקברעכער, געלויבט די, וואס סאלידאריזירען זיך מיט'ן שטרייק, דאן האט מען זיך אראבגערעדט פון הארצען, אויסגעגאסען כל חמתם אויף דער עלעקטראווניע און גערעדט וועגען נייע פלענער, גאז-לאמפען אזוו.

נו, נו, וואס טויג מיר דאס רעדען. עת לעשות, מען דארף דאך שוין אויפהערען צו רעדען, מען דארף אנהויבען טהון, אויב נישט היינט אין די זומער-חדשים, טא ווען-זשע דען, און דא העלט מען אין איין רעדען. צו קען באמת דער גאנצער שטרייק מיט דער עלעקטראווניע געוואונען ווערען, נאר אז מען וועט פון צייט צו צייט רופען א פערזאמלונג און זיך אראבערעדען פון הארצען.

און וואס וועט זיין מורי ורבותי, מיט דער פערשאלטענער פראגע פון וואסער?

מיר איז אויסגעקומען די וואך צו זיין אין געריכט, וואו מען בעהאנדעלט די סכסוכים פון בעלי-בתים מיט זייערע לאקאטארען און ביי 80 פראצענט פאלען איז געווען די טענה וועגען וואסער, א פייער ברענט היינט אויף דער וועלט. פון טאג צו טאג ווערט די בעפעלקערונג אלץ ארימער און ארימער און די צאהל 20 פראצענט פון דירה-געלד, קיין דירה-געלד איז נישטא צו צאהלען מוזט נאך צאהלען פאר וואסער.

עס איז פאסקודנע. ווען וועט שוין משיח באמת קומען און אונז אויסלייזען פון אלע צרות.

זיי האבען נישט קיין מזל.

מאנכעס מאל פערפאלגט דעם מענשען א פאטום, איז וואו ער זאל זיך נישט קעהרען און ווענדען, שלעפט זיך נאך איהם דעם שלימזל.

דאס וואס קען אנגעווענדעט ווערען צו א פערזאן קאן מען עס אויך צופאסען צו א געזעלשאפט.

די פרץ פאלקס-שולען האבען בדעה איינצוארדנען א גארטען - פערווייליגונג אין היגען פארק, די פערווייליגונג האט געזאלט פארקומען דעם פערגאנגענעם שבועות, האט עטליכע טאג פאר יום-טוב פונקט גערעגענט האבען די איניציאטארען מורא געהאט, אז זיי וועלען אדורכפאלען און זיי האבען מיט א פאר טאג פריהער אבגערופען די פערווייליגונג, דערווייל האט זיך ארויסגעוויזען, אז יום-טוב איז גאר געווען הערליך שעהן.

האט מען בעשטימט שוין אויף פעסט די גארטען-פערווייליגונג אויף פערגאנגענעם שבת, אויף וועלכע עס האבען זיך געגרייט גרויסע מאסען מענשען, איז פלוצים שבת פארמיטאג געפאלען א רעגען און נישט קוקענדיג דערויף וואס אין דער בעשטימטער שעה האט זיך דער הימעל אויסגעלייטערט, איז שוין די פערווייליגונג נישט פארגעקומען.

דאס זעלבע איז מיט זייערס א בלימעל-טאג, אויף דעם טאג וואס ער איז בעשטימט געווארען, איז פונקט געווען א רעגענדיגער און דאס האט געשטערט די הכנסה.

די פערווייליגונג איז בעשטימט אויף מארגען שבת, אפשר וועט עס צום דריטען מאל שוין געלונגען.

2 יודען, 2 היטלעך און איין שלום=עליכם...

א היגער אדוואקאט האט מיר דערצעהלט פאלגענדען קוריאז, וואס האט געהאט פלאץ אין א געריכטס-קאנצעלאריע.

א יוד איז געקומען ערלעדיגען עפיס א ענין, דער סעקרעטאר האט דערווייל דארט געשריבען. פלוצים זעהט ער ווי דער יוד נעמט דאס היטעל און טהוט עס אן ווייל ער זיך אויפהויבען, צוגעהן איהם זאגען, אז אין געריכט, מוז מען געהן אהן א היטעל. דערווייל זעהט ער ווי א צווייטער יוד, וועלכער איז געקומען פון דער צווייטער שטוב, טהוט אויך אן ס'היטעל, וויל ער דאך צולויפען צו דעם צווייטען יוד, איהם אויך אויפמערקזאם מאכען, אז אין געריכט טאר מען נישט וכו'. דערווייל זעהט ער ווי די צוויי יודען גיבען זיך די הענד, זאגען עפיס א פאר אונפערשטענדליכע ווערטער און באלד נאכדעם טהון זיי צוריק אויס די היטלען.

איז ער שטארק נייגעריג דער סעקרעטאר, פארוואס מוזען יודען אנטהון די היטלען בעת זיי גיבען זיך די הענד און וואס זאגען זיי דארט?

דער יודישער אדוואקאט האט איהם ערשט געמוזט געבען צו פערשטעהן, אז ביי יודען גיט מען זיך שלום עליכם און דאס ווארט „שלום" איז א נאמען פון גאט און ממילא טאר מען דאס ווארט נישט דערמאנען אהן היטעל.

צי דער סעקרעטאר האט פערשטאנען איז א פראגע, אבער געוואונדערט האט ער זיך שטארק.

קינדערלעך אויף דער פריי...

היינט איז דער לעצטער טאג פון שול-יאהר, היינט בעקומען די קינדער גאנצע צוויי חדשים פריי, וואו זיי וועלען קענען פערברענגען אויף דער פרייער לופט אהן זארג און אהן קלאפאטען.

מילא, פאר די קינדער פון רייכע עלטערן זארג איך נישט (אויב עס זענען אזאלכע נאך פערהאן), נאר וואס וועלען טהון די ארימע קינדערלעך, וואו וועלען זיך אהינטהון די גאנצע 2 חדשים אונזערע הארציגע משה'לעך און יאסעלעך, וועלכע שמאכטען א גאנץ יאהר אין דער פערשטיקטער לופט פון זייערע היימען און א האלבען טאג אין די שולען, חדרים אז"וו.

די גלייכסטע זאך וואלט געווען, אז

וואס זאגט דער תלמוד וועגען קריזיס-יאהרען?

די גאנצע וועלט מאטערט זיך יעצט און די גרעסטע חכמים געפינען נישט קיין עצה, ווי ארויסצוגעהן פון דער יעצטיגער טעמפער לאגע, כדאי דערי-בער יעצט א קוק צו טהון, ווי האבען בעטראכט און פערשטאנען שווערע קריזיס-יאהרען די חכמי-התלמוד.

אינטערעסאנט, אז שוין דאמאלס, אין יענער ווייטער צייט, האבען די תלמודיסטען געהאט גרויס פערשטענד-ניש פאר שווערע קריזיס-יאהרען, הא-בען זיך נישט גענארט אין חשבון און אבגעשאצט די לאגע קלאר און ניכטער.

אין קריזיס - יאהרען, אין הונגער-יאהרען—זאגט די גמרא אין תענית י"א —דארף מען צוהונגערן, זיך אבזאגען פון אלע איבריגע זאכען (אסור לאדם לשמש מטתו בשני רעבון — „געבורט-קאנטראל", ווי מ'רופט עס היינט) אבשפארען, זיך בעניגענען נאר מיט דאס נויטווענדיגסטע, וואס א מענש דארף האבען אויפצוהאלטען דאס לע-בען.

אנ'עצה, ווי איהר זעהט, וואס עס לייגען פאר אויך א סך פון אונזערע היינטיגע עקאנאמיסטען און מאדערנע מלוכה-חכמים.

די חכמים האבען אויך געוואוסט דעם סוד, אז אלע צרות אויף דער וועלט קומען, ווען עס ענטשטעהען קריזיס-צייטען, ווען עס פערפעהלט חיונה. די וועלט שטעהט תמיד אין סכנה פון מלחמות, קריגערייען, ווען עס פערפעהלט אין שיסעל. קריעג הויבט זיך אן, ווען עס פערפעהלט ברויט אין קריגעל (במ"נט).

די עצה פון הילף-קאמיטעטען, רע-טונגס-קאמיטעטען, עפענען קוכען פאר הונגעריגע- בעקליידען נאקעטע און ארויפלייגען קריזיס-שטייערן איז אויך נישט ניי. צענדליגער ערטער אין תל-מוד געפונט איהר, וועלכע ווארענען, אז אין קריזיס-צייטען מוז דער מענש מעהר ווי אלע מאל טראכטען וועגן יענעם.

רב פלעגט ארויפלייגען שטייערן (צדקה) אין הונגער-יאהרען אפילו אויף יתומים, וועלכע זענען אין רוהיגע יאה-רען פטור פון דעם (ב"ב„ח) אין הונגער יאהרען האט בנימין הצדיק אוועקגענע-בען אלע זיינע לעבן-פראדוקטען (ב"ב י"א) רב הונא פלעגט אבקויפען די איבערגע-בליבענע, נישט-פערקויפטע גרינסען ביי די גערטנער—אפילו אין די זאטע יאה-רען, ווארים אויב ביי די גערטנער זא-לען בלייבען גרינסען, וואלטען זיי דעם קומענדיגען מאל געבראכט ווייניגער גרינסען אויפ'ן מארק און ארימע-לייט וואלט פארפעהלט עסען.

די ערגסטע צייט איז — זאגט די גמרא (תענית כ'), ווען געלד איז טיי-ער און לעבען-פראדוקטען זענען ביליג.

אויב איהר וועט זיך צוקוקען צו די שווערע צייטען, וואס מיר האבען אי-בערגעלעבט, וועט איהר זעהן, אז זיי-ער השערה שטימט.

אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה איז געלד געווען ביליג, דער צארישער רובל, דער דייטשער מארק, האבען אג-געוואוירען אינגאנצען זייער ווערט, לע-בענס-פראדוקטען אקעגען'ושע זענען גע-ווען טייער און דוקא אין יענער צייט האבען מענשען געלעבט אין וואוילטאג (פערשטעהט זיך די וואס זענען געבלי-בען מחוץ דער מלחמה) און געמאכט קאפיטאלען. איצט איז פערקעהרט- געלד איז טייער און לעבענס-פראדוקטען בי-ליג, עס איז איצט א זול און מענשען שטארבען פאר א גראשען, און נאכמעהר פון הונגער.

אונזערע חכמים האבען געלעבט אין א צייט אהן ראדיאס און טעלעגראפען, אבער פון א סך „סודות" האבען זיי געוואוסט נישט ערגער פון אונז משמעות. זיי זענען פארט געווען חכמים.

האבען זיי גע'עצה'ט: אין קריזיס-יאהרען, אין בייזע צייטען, אין הונגער-יאהרען היילט נישט דעם אומגליק, זוכט נישט קיין לייזונג פאר דער שווערער צייט מיט קינסטליכע מיטלען, זוכט נישט צו פערענטפערען שווערע קריזיס-יאהרען דורך נסים, דורך געקינצעלטע מיטלען. פאר הונגער-יאהרען דארף מען געפונען א ענטפער אויפ'ן נאטירליכען פראקטישען אופן, דורכ'ן אייזערנעם נאטירליכען געזעץ פון לעבען און נא-טור.

בויט נישט אויף זאמד — זאגט רב מרי, אין איינע פון די הונגער-יאהרען האט פלוצים פאסירט א נס. מלאכים האבען זיך פערשטעלט פאר מאטראסען, האבען געבראכט זאמד אויף דער שיף און דער זאמד איז גלייך געווארען פער-וואנדעלט אין ווייצענמעהל- זענען מענ-שען געקומען עס קויפען. האב איך געזאגט, אז זיי זאלען עס נישט טהון ווארט בעסער אויף שפייז אויפ'ן נא-טירליכען וועג (תענית כ"ד).

דערמאנט זיך, אויף אזוי פיעל „נסים" האבען זיך שוין פערלאזען היינטיגע חכמים. מען זוכט קינסטליך ווי אבצו-שאפען דעם קריזיס, מען זוכט אויס נייע וועגען ווי צו בעשעפטיגען אר-בייטסלאזע. מ'זוכט אויס קינסטליך נייע וועגען און מיטלען, ווי צו לעזען דעם קריזיס און ווי איהר זעהט בעשיינפע-לעך העלפען נישט דעם קריזיס קיין „קונצען".

אפילו אמאליגע חכמים האבען גע-זאגט, אז הונגער און קריזיס קען מען נישט פערענטפערען מיט געקליגעלטע מיטלען.

וואס-זשע איז פארט די עצה? דער-ציילען ווידער די חכמים, אז די עיקר-סיבה פונ'ם קריזיס איז דאס וואס די פיהרערס, טויגען נישט. די ערד איז בכח צו שפייזען די גאנצע וועלט, אלא עס איז פארט א קריזיס; א הונגער, איז א סימן, אז די פיהרער שטייען נישט אויף דער געהעריגער הויך.

מאדנע, ווי א געשיכטע חזרט זיך איבער...

מ. גערץ.

דער סוף פון דעם פערליבטען אכמער.

(אנ'אראביש מעשה'לע)

פון מנשה אונגער.

גענאנגען איז היינט אכמעד א פער-טראכטער און ערנסטער, ביי דער זייט פון זיין גמל, וואס איז געווען אנגע-לאדענט מיט ערדענע כלים אויף ביי-דע זייטען הויקער, אזוי ווי מיט שאר-בענס פון קעפ.

געוואוסט האט אכמעד אז מיט יע-דען זון-אונטערגאנג ווערט לאטפיא, צייטיגער, אזוי ווי די מילגרוימען אויפ'ן בוים און דער פאטער איהרער, דער שעיך אבו-מאיד, וועט זי ווען נישט איז אמאל פערקויפען.

און אכמעד האט אנגעהויבען טראכ-טען: וועל איך נאך מיין איצטיגען אהיימקומען אריינגעהן צום שעיך און וועל צו איהם זאגען אט אזוי: „שעיך אבו סאיד! שוין דורות לאנג, ווי מיר זענען דיינע קנעכט, ווען איך האב נאך געזויגען די מילך ביי די בריסטען פון מיין מאמען, האט מען שוין מיט מיין גוף ניי-געבוירענע שעפעלעך דער-ווארימט, ווען כ'האב נאך נישט גוט זעהען געקענט, האט מען שוין מיר געגעבען וואל, פון איהר פעדים צו דרייען, ווען כ'האב נאך נישט גוט געהן געקענט, האט מען מיך שוין צו דער פרדה געשפאנט, דיינע פעל-דער צו בעאקערען, פון שריים פון דיינע סעודות האב איך זיך דערצויגען אבער קיינמאל דיך נישט בעגנבעט. און פון די באקשישען פון די „יאהוד" וואס איך האב געקריגען, ווען זיי פלעגען קומען אבקויפען פון דיר דיינע פעלדער, האב איך מיר געלד אנגע-זאמעלט. איצט איז געקומען די צייט איך זאל מיר קויפען א ווייב. איך האב געלד א סך—זעהסט די לאנגע לאקען האר פון מיין קאפ? אזעלכע גרויסע קופקעלעך געלד האב איך צונויפגעזא-מעלט, פערקויף מיר דיין טאכטער לא-טפיא פאר א ווייב! שוין יאהרען לאנג ווי איך לעכץ נאך איהרע טריט. ווייס איך שוין מעהר קיין חשבון נישט, נאר ווען האר האבען אנגעהויבען ארויס-צושפראצען פון מיינע קיהנבאקען, האב איך געשוואוירען ביים אלמעכטיגען אללאה, אז לאטפיא מוז איך מיר קוי-פען פאר דעם ערשטען ווייב.

און ווען איך געה ארויס מיט דיינע גמלים פערקויפען די דזשארעס אין שטאדט, בעט איך תמיד פריהער ביי אללאה, אז ווען איך וועל בשלום צו-ריקקומען אהיים, זאל איך טרעפען לאטיפא זיצען ביים שפינרעדעל און שפינען קאפיאס פאר איהר בעשערטען. איך ווייס, אז קנעכט זענען מיר תמיד ביי דיר געווען, אבער לאטיפא האב איך ליעב, האב געלד א סך און ער-בייט גוט.

אזוי האט אכמעד זיך געטראכט, ווי אזוי ער וועט מיט זיין שעיך אבו-סאיד רעדען, ביז ער איז צוגעקומען פאר-נאכט צו דעם כאן, וואו ער האט גע-דארפט די נאכט איבערנעכטיגען.

אינ'ם כאן, געמאכט פון געפלאכטע-נע ראגזשעס זענען געווען אויסגעזעצט אין א קרייז אונטער דעם טיעף בלוי-ען בעפערלטען שטערן-הימעל, ארא-בער אויף זייערע אויסגעשפרייטע שווארצע אבאיעס, די פיס פערליגט אונטער זיך און דער בלינדער מעשות-דערציי-לער, אבו-גאליל, אין דער מיט, און האבען געטרינקען שטארק-פערביטער-טע קאווע, האט אכמעד זיין גמל פא-שען געגעבען און האט זיך צו זיי צו-געזעצט די מעשיות צו הערען, בשעת דער בלינדער דערציילער האט זיין ערשטע טייל מעשה פערענדיגט.

— „האט זיך אויפגעהויבען אינדער-פריה דער בעדואינער אזיז און האט אויסגעשריגען: „צי איז שוין מעהר קיין גאט נישט פערהאנען אין דער הייליגער שטאדט ירושלים? אט האב איך זיך נעכטען שלאפען געלעגט ביים טויער פון שכם און אויף דער הייליגער ערד, וואס ווערט פון די עולי-רגל'ניקעס צו נאבו-מוסא בעטרעטען, האב איך מיין קאפ אנגעשפארט. דאס געלד-בייטעלע צו מיין רעכטער האנד צוגעבינדען און ענטשלאפען געווארען און ווען איך האב זיך אינדערפריה אויפגעכאפט, איז דאס געלד-בייטעלע שוין מעהר נישט געווען. פון מיין רעכ-טער האנד האט מען מיר עס אבגעג-שניטען.

צי וואלט ביי אונז געשעהן אזוינס? —האט זיך אזיז צושריגען—ביי אונז, ווען א מענש שלאפט און די נשמה זיינע איז איבערגעגעבען אין די הענד פון אללא, וועט מען איהם נישט בע'גנבענען, בערויבען, א וואכענדיגען —יא, האסט געוועהר—וועהר זיך! אבער א שלאפענדיגען קיינמאל נישט!" און אזיז איז איבער די גאסען פון דער הייליגער שטאדט ירושלים געלאפען און האט געשריגען „פערשאלטען זאל ווע-רען די גאטלאזע שטאדט ירושלים!"

אזוי האט דער בלינדער זיין ערשטע טייל מעשה פערענדיגט און אכמעד האט זיך געטראכט, אז גוט האב איך געטהון וואס איך האב מיין געלד אין אנ'ערדענע דזשארע אין דער ערד נע-בען גושמיש-בוים בעגראבען, אין דער שטאדט זענען גנבים פערהאן.

און דער בלינדער האט נאך א קור-צער הפסקה דעם צווייטען טייל פון זיין מעשה אנגעהויבען „און אז דזשע-מיל האט זיך פארנאכט אוועקגעזעצט מיט זיין געליבטער פאטמא הינטערן פייגען-בוים, וואס איז געוואקסען ביי איהר געצעלט, פלעגט דער ווינט אנ-קומען און זיי ברענגען אלערליי ריחות און בשמים און דופטען פון שמעקנ-דיגע בליטען, כדי זיי צו דערפרישען, נאך דעם ווייסען טאג, ווייל געוואוסט האט דער ווינט, ווי גרויס די ליבע איז פון דזשעמיל'ן צו פאטמאן, און ווען פאטמא פלעגט גיין מיט די ערדענע קריגען אויפ'ן קאפ צום קוואל, וואסער שעפען, פלעגט דער ווינט פרישע פייכטע ים וואלקענס ברענגען, כדי פאטמא זאל וועלען לענגער פערבליי-בען ביים קוואל, און דזשעמיל זאל קא-נען לענגער ליגען אויף דער ערד און קושען פאטמא'ס שאטען. און ביינאכט פלעגט דער ווינט קומען צו פאטמא'ן איהר די שווארץ זיידענע האר גלעטען און זיסע חלומות איהר דערציילען, האט אבער, דער פאטער פון פאטמאן שעיך מאכמוד גישט געוואלט פערקוי-פען זיין טאכטער פאטמא, דזשעמיל'ן פאר א ווייב און ער האט זי פערקויפט צום שעיך כאסאן.

און ווען עס איז געקומען די שעה פון דער חתונה און אלע שעיחן האבען זיך געהאט פערזאמעלט אינ'ם היילגען מעטשעט די חתונה תפילה אפצוריכטען' האט זיך דזשעמיל ארומגעדרייט א פער'מרה-שחורה'טער אינ'ם איילבירטען-גארטען פון פאטמאס פאטער און געזוכט איהרע טריט.

און אז עס איז געקומען די מינוט פון קדושין, האט זיך א שטארקער שטו-רעם-ווינט אנגעטראגען און האט די פענסטער אויסגעריסען און די חתונה-ליכט פערלאשען, האבען די חתונה-אורחים דערין קיין גוטען סימן נישט געזעהען, האט אבער דער פאטער פון פאטמאן שעיך אכמוד תיכף געהייסען די ליכט צוריק אנצינדען און מען האט די זופה געשטעלט.

איז אוועק דער ווינט אין די וויס-טע מדבריות'ן און האט מיט זיך פער-שידענע חולאת'ן מיטגעבראכט, האט זיך א מגפה פערשפרייט איבער'ן גאנ-צען דארף און מענשען זענען ווי פלי-גען געפאלען, האט אבער קיינער נישט געוואוסט וואו די זינד שטעקט און קיין נביא איז אין דארף נישט געווען, מען זאל איהם פרעגען ווער דער זינדיגער איז, האבען אלע אנגעהויבען צו פאס-טען און בעטען צו אללא, ער זאל די מגפה אפשטעלען און גאט האט זייער תפילה צוגעהערט און די מגפה אפגע-שטעלט, — אבער כאסאן דער מאן פון פאטמאן, איז שוין מעהר צווישען די לעבעדיגע נישט געווען.

האט דער ווינד געמאכט, אז איצט וועט פאטמא צוריק חתונה האבען מיט דזשעלמיל'ן, אבער פאטמא האט זיך אוועקגעזעצט טרויערען נאך איהר מאן כאסאן, אזוי ווי דער מנהג איז געווען, האט דער ווינט געשוואוירען אויך אין איהר נקמה צו נעהמען און ווען מען איז אריינגעקומען אינדערפריה צו פאט-מא'ן אין געצעלט, האט מען זי געטרא-פען ליגען א טויטע ביי איהר קינד, וואס זי האט אינצווישענצייט פון איהר מאן כאסמאן בעקומען.

האט דערהערט דזשעמיל אז פאטמא איז טויט, האט ער זיך די אדערען מיט זיין קינזשאל אויפגעשניטען און ער איז געשטארבען".

ווען דער בלינדער דערציילער האט זיין מעשה פערענדיגט, זענען איהם די יונגע גמל-טרייבער בעפאלען, איהם געלד אין זיין האנט אריינגעשטופט, ער זאל נאך א מעשה אזא זיי דערציי-לען, אבער אכמעד האט שוין מעהר נישט צוהערען געקענט, רויטע פייער-דיגע רעדער, האבען זיך אנגעהויבען פאר זיינע אויגען דרייען, אט האט ער שוין גערעדט מיט'ן שעיך אבו-סאיר און לאטופא ווערט א ווייב פאר'ן שעיך אמיר און דער ווינט וויל נקמה נעה-מען אין זיי ביידען... נאר אכמעד בעט ביים ווינט ער זאל לאטיפא ביים לע-בען לאזען... און שווערע חלומות בע-פאלען אכמער'ן אינ'ם שלאף ליגענדיג אנגעשפארט זיין קאפ אינ'ם בויך פון זיין גמל.

און אז אכמער איז נאך א וואך א זיין אונטערוועגס צוריק אהיימגעקומען און מיט זיין שעיך אבו-קאיד רעדען גע-וואלט, האט ער זיך שוין דערוואוסט פון די פאסטוכער, וואס זענען געקומען אנטרינקען די שאף ביים ברונעם, וואס געפונט זיך ביים אריינגאנג פון דארף, אז די פערגאנגענע נאכט האט דער שעיך אבו-סאיר פערקויפט זיין טאכטער לאטיפא פאר א ווייב צום שעיך אמור.

האט זיך אכמעד דערמאהנט אין דער מעשה פון דעם בלינדען דערציילער... און ווען לאטיפא איז פאר זון-אויפגאנג ארויסגעגאנגען פון איהר געצעלט שע-פען פריש וואסער ביים קוואל, איהר פערשלאפענעם קערפער צו וואשען, האט זי געטראפען ליגען פאר איהר געצעלט אכמעד'ן א טויטען מיט אויפ-געשניטענע אדערען, און קופקעלעך געלד אויף דער ערד צעשיט, גרויס ווי די לאקען האר פון זיין קאפ.

מען זאל זיי איינארדנען אויף א קא-לאניע אדער לכל הפחות אויף א האלב-קאלאניע. טא פון וואנען נעמט מען געלד און ווער זאל דאס טהון?

אלע יאהר האט דער „טאז" איינגע-ארדענט האלבע קאלאניעס, וואו ביז דריי הונדערט קינדער האבען פער-ברענגט צו 4 וואכען אויף דער פרייער לופט און בעקומען גוטע נאהרונג, אמת היי-יאהר איז אויך דא אין פראיעקט די דאזיגע האלב-קאלאניע איינצוארד-נען, אבער ליידער זענען נאך נישטא די נויטיגע געלד-מיטלען. דאס זעלבע איז מיט'ן „דאבראטשיננאשטש". זיי ארדנען איין די קאלאניע אין אסטראוו, אבער פון וואנען וועלען זיי נעמען געלד, אז אלע קוואלען זענען פער-שלאסען.

אלע מאל, ווען עס איז געקומען אין דער צייט האט מיין הארץ זיך מיטגעפרעהט מיט די קינדערלעך, וואס וועלען גאנצע 2 חדשים זיך געפונען אויף דער פריי. היי-יאהר בעקומט מיר אבער נישט די שמחה, ווייל דער היי-יאהריגער „קינדערלעך אויף דער פריי" איז ממש קינדערלעך אויף הפקר. קינ-דערלעך, אז איהר האט נישט קיין געלד וועט איהר זיך „פריי" וואלגערען אין די גאסען. יא קינדערלעך, היי-יאהר וועט איהר זיין פריי...

צרות, צרות און נאכאמאל צרות...

די וואך איז פארגעקומען א פער-זאמלונג פון יודישען שניידער - צעך, ווען אויפ'ן טאג-ארדנונג איז געווען די פראגע פון וואהלען פון א סטארשע מיט א פערטרעטער. דערווייל האט דער פערזאמלטער עולם פערלאנגט, אז מען זאל רעדען וועגן דער טע-טיגקייט פון דער פערוואלטונג, פון דער טעטיגקייט איז מען אריבער אויף די לאגע אין פאך און פאר די אויגען האט זיך פונאנדערגעוויקעלט א טרוי-ריג בילד, א בילד, וואס שפיגעלט אב בולט אונזער טרויעריגע און אויסער-געוועהנליכע קאטאסטראפאלע לאגע.

דאס שניידער-פאך איז די לעצטע יאהרען געווען א פרנסה-צווייג. די בע-שטעלטע שניידער און ווער שמועסט די דאמען-שניידער האבען — ווי זאגט מען אין אמעריקא — געמאכט א לע-בען, בעשעפטיגט מענשען און מען האט געלעבט און אפילו די מאגאזין-שניידער האבען ביי דער סעזאנאווע ארבייט געהאט צו לעבען אויף א גאנץ יאהר.

דער עיקר אבער, וואס די שניידער האבען געלעבט צווישען זיך סאלידא-ריש, איינער דעם צווייטען איז נישט פערלאפען דעם וועג און מען האט נישט געריסען דעם ביסען פון מויל.

אויף דער דאזיגער פערזאמלונג הא-בען זיך אבער געשיט ביטערע ווער-טער, ווערטער, וועלכע האבען אויפ-געדעקט א בילד פון נויט און עלענד, א בילד ווי אזוי איינער כאפט ארויס דעם צווייטען דעם ביסען פון מויל, ווי איינער רעדט אויף דעם צווייטען. מיט איין ווארט: א גרויליך בילד.

געקומען צו רייד איז עס צוליעב דער פראגע וועגן בעקעמפען די אונלעגאלע ווערקשטאטען, טענה'ן די שניידער, צו וואס דארפען מיר בע-קעמפען די אונלעגאלע, אז מיר אליין, די כלומרשטע לעגאלע מייסטער טהון אונלעגאלע מעשים.

וואס דער סוף איז געווען? וואס האט געזאלט זיין, מען האט געוועהלט א סטארשי מיט א פערטרעטער פון סטא-רשי און דער עולם איז זיך אהיימגע-גאנגען מיט א זויער הארץ און וועה-טאג.

ווי איהר זעהט, קען איך אייך ליי-דער פון אונזער „עמך" נישט דער-צעהלען קיין נחת, נאר ליידער, צרות, צרות און צרות.

זיי זענען גערעכט.

איך בין זיך מודה, אז איך האב אביסעל געזינדיגט געגען ספארט-קלוב „אסכלה".

פאר 2 וואכען צוריק האט דער דראמאטישער קרייז ביים ספארט-קלוב „אסכלה" אויפגעפיהרט די הערליכע פיעסע פון דוד פינסקי „פאמיליע צבי" און נישט קוקענדיג דערויף וואס דאס איז געווען דער ערשטער אויפטריט איז ער געווען זעהר געלונגען און אי-בערגעשטיגען אלע ערווארטונגען.

האב איך געזינדיגט דערמיט, וואס איך האב וועגען דעם גארנישט גע-שריבען און נישט געגעבען קיין רע-צענזיע.

זיי זענען דעריבער גערעכט, ווען זיי מאכען מיר א בעמערקונג און טענה'ן: א צייטונג דארף יונגע אמא-טארען געבען מוטה, אז זיי זאלען נאכאמאל פרובירען.

זייט מוחל, ליבע חברים, צוליעב א פערזעהען האב איך וועגען דעם נישט געשריבען, טהו איך עס טאקי איצט אפילו שוין אביסעל שפעטליך, אבער גלייכער שפעטער ווי קיינמאל נישט.

בראווא, יונגע אמאטארען! איהר האט געשפילט אויסגעצייכענט.

לויתן

ווען האבן יודען בעקומען דעם ערשטען בית-עלמין אין זאקסען.

צוגעשיקט פאר אונזער צייטונג פון ז. האבער.

פונקט מיט צוויי הונדערט יאהר צוריק, אין יאהר 1732 האבען די עטליכע יודען, וואס האבען דעמאלט געוואוינט אין זאקסען אנגעהויבען צו שיקען פעטיציעס צום דארטיגען קעניג וועגען אנ'אייגענעם יודישען בית-עלמין.

אין די ארכיוועו פונ'ם לייפציגער מעסע-אמט געפונט זיך פיעל אינטערעסאנט מאטעריאל, וועלכעס איז ווערט איבערגעגעבען צו ווערען.

איז א יוד געשטארבען אויפ'ן לייפציגער יריד אדער אויפ'ן וועג, האט מען זיין קערפער געמוזט פיהרען אויף דער דייטשער גרעניץ, [illegible] בעהמען אדער אפילו קיין פוילען. אין דייטשלאנד האט מען איהם נישט געטארט מקבר זיין.

שוין פריהער, אין דעצעמבער 1715 האט בערענד לעהמאן, דער גרעסטער עסקן פון יענער צייט, בעקומען די ערלויבניש פונ'ם קעניג אויגוסט, אין זיין גארטען מקבר צו זיין יודישע מתים. אבער קוים 2 חדשים שפעטער האט מען די ערלויבניש צוריקגעצויגען, ווייל די פראטעסטאנטישע גלחים האבען נישט צוגעלאזט מ'זאל מאכען צערעמאניעס ביי יודישע לויות, טענהדיג, אז וויבאלד מ'וועט דאס די יודען ערלויבען, וועלען די קאטאליקען אויך פערלאנגען אנ'אייגענעם פרידהאף. האט מען די יודען ווידער פערבאטען צו בעגראבען זייערע מתים...

פונדעסטוועגען האבען די קאטאליקען, א דאנק דער בקשה פון דער עסטרייכישער קייזערין מאריא טערעזא, בעקומען אין יאהר 1719 זייער אייגענעם פרידהאף און די יודען האבען געמוזט ווארטען ביז'ן יאהר 1751.

אין יאהר 1732, ווען עטליכע יודען האבען געהאט די ערלויבניש צו וואוינען אין לייפציג עטליכע וואכען פאר דעם יריד און עטליכע וואכען נאכ'ן יריד, האבען זיי געהאט מקבר צו זיין עטליכע מתים. בשעת מ'האט זיי געפיהרט איבער דער גרעניץ, האט זיך געפיהרט מיט א בר-מינן, אז דער וואגען האט זיך פאהרענדיג בארג אראב איבערגעקעהרט און דער טויטער איז געבליבען ליגען אין דער בלאטע. דאמאלס האט דער יוד מיכל שמואל, אין נאמען פון די פריווילעגירטע יודען געמאכט א פעטיציע צום קעניג, אנווייזענדיג אויף דעם בזיון פאר די לעבעדיגע און נאכמעהר פאר די טויטע, האט ער געבעטען: „אזוי ווי אונזער פאטער אברהם", מ'זאל די יודען איבערלאזען א פלאץ אויסער דער שטאדט אנ'ערך הונדערט איילען לאנג און הונדערט איילען ברייט, וואו זיי זאלען קענען מקבר זיין זייערע מתים..."

פאר דעם דאזיגען פלאץ האט ער זיך אינ'ם נאמען פון די יודען מתחיב געווען צו צאהלען אין „צוויי ראטען" דריי הונדערט טאלער, „כאטש ס'איז נישט מעגליך אזא גרויסען סכום צונויפצולייגען". חוץ לזה וועלען זיי צאהלען יעדעס יאהר דרייסיג טאלער שטייערן".

12 יאהר איז די בקשה געגאנגען פון איין אמט צום צווייטען. קודם האט מען דערפון נישט געוואלט הערען, אפילו דערנאך האט מען נישט געפונען קיין פאסיגען פלאץ, ווייל ארום דער שטאדט האט דער קעניג מיט די פריצים געמוזט געהן אויף געיעג און מען האט די פלעצער נישט געקענט פערוואנדלען מיט א יודיש בית עולם.

דערנאך האט מען שוין געפונען א פלאץ, האט ער די יודען נישט געפאסט, ווייל זיי האבען געוואלט האבען אין שכנות א טייך, וואו זיי זאלען האבען דאס וואסער מטהר צו זיין די טויטע.

דערנאך האט מען זיך אנגעהויבען צו דינגען וועגען פרייז, די רעגירונג האט פערלאנגט טויזענד טאלער תיכף צו בעצאהלען און חוץ לזה פאר יעדען מת פופצעהן טאלער פאר דער פראטעסטאנטישער קירכענקאסע (פאר א קינד 5 טאלער).

מיט שווערער מיה האבען די יודען צונויפגעזאמעלט 600 טאלער, אבער די רעגירונג איז נישט בעשטאנען, האט עס ווידער געדויערט א לאנגע צייט, ביז די יודען, וואס פלעגען קומען צו די לייפציגער ירידים האבען צונויפגעלייגט און געבארגט די רעשט 400 טאלער. דאס געלד האט די יודען אריינגעבראכט אין גרויסע חובות, וועלכע זיי האבען אבגעצאהלט ערשט אין יאהר 1786.

ערשט אין יאהר 1751 בעקומען זיי דעם פלאץ ווייט פון דער שטאדט מיט'ן בעדינג, אז זיי מוזען בעשעפטיגען א קריסטליכען גרעבער. חוץ לזה מוזען זיי די צערעמאניעס מאכען אויפ'ן הייליגען ארט און נישט אין שטאדט.

די דאזיגע ערלויבניש ווערט געגעבען דעם 23 פעברואר 1751 די יודען יצחק מייער, מיכל שמואל, אפרים לעווי, אהרן שלמה ישראל און שמעון באנדי נאכדעם ווי זיי האבען בעלעגט די טויזענט טאלער „פאר זיי און זייערע דורות מיט די פאמיליעס".

און שוין דעם 25 אפריל 1751 ווערט דארט בעגראבען די פרוי פון יצחק מאיר און א רוסישער יוד, ברוך מרדכי וואס איז געקומען אויפ'ן יריד קיין לייפציג און איז דארט געשטארבען.

ביי דעם דאזיגען יוד האט מען געפונען הונדערט טאלער, וועלכע מען האט בעהאלטען אין דער „יודישער קאסע", וואס איז דאמאלס געגרינדעט געווארען פאר קבורה-געלד...

די יודישע קאסע האט דערנאך ביי יעדען פרעמדען מת גענומען הויכע קבורה-טאקסעס, ווייל זיי האבען געטענה'ט, אז די פריווילעגיעס האבען נאר בעקומען די יודען, וואס האבען דארט געוואוינט... ערשט אין יאהר 1804 ווערט דער בית-עלמין פריי געגעבען, אהן טאקסעס, פאר אלע יודען.

אין דער צווישענצייט האט די רעגירונג צוריקגעצויגען איהר ערלויבניש אויפ'ן יודישען בית-עלמין. די רעגירונג האט געטענה'ט אז מ'האט די יודען נור פערדינגען און נישט פערקויפט דעם פלאץ, און דעריבער קען מען יעדען טאג צוריקציהען.

יאהרען לאנג האבען זיך די יודען פראצעסירט און ערשט אין יאהר 1794 איז ארויסגעגעבען געווארען דער פסק, אז דעם בית-עלמין האבען די יודען געקויפט און ער געהער זיי לדור דורות...

ווין-לייפציג.

„לינת הצדק".

(צו דער זונטאגדיגער אלגעמיינער פערזאמלונג).

עס וואלט געווען א איבריגע זאך ווען מיר זאלען קומען איצט שאפען רעקלאמע פאר דער דאזיגער פילאנטראפישער אינסטיטוציע, וואס עקזיסטירט און פיהרט אן איהר טעטיגקייט ביי אונז אין שטאדט שוין 25 יאהר און האט זיך במשך פון איהר עקזיסטענץ ערווארבען די נויטיגע סימפאטיע און איז בעליעבט צווישען אלע קרייזען פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

„לינת הצדק" איז כמעט די עלטסטע אינסטיטוציע אין אונזער שטאדט וועלכע איז ענטשטאנען מיט איהר אויפגאבע צו העלפען ארימע קראנקע, איבערהויפט ווען מען זאל פעררעכענען די ערשטע יאהרען ווען זי האט עקזיסטירט אונטער'ן נאמען „ביקור חולים", און עס איז איבריג צו בעטאנען וויפיעל ארימע קראנקע און ליידענדע עס זענען דורך איהר שוין געראטעוועט געווארען פון קראנקהייטען און פיין.

און דאס איז אויך דער אנשטאלט, וועלכער האט קיינמאל נישט אבגעשטעלט זיין טעטיגקייט, זאגאר אין דער מלחמה-צייט, ווען כמעט אלע אונטערנעהמונגען אין דער הינזיכט זענען געווען פאראליזירט האט דער לינת הצדק געפיהרט זיין טעטיגקייט, זעלבסטפערשטענדליך אין די ראהמען פון זיינע מעגליכקייטען וועלכע זענען שטענדיג אויסגענוצט געווארען אין דער גרעסטער מאס.

און אויך אין דער לעצטער צייט פון אונגעהויערען קריזיס, ווען די הכנסות פון אלע פילאנטראפישע אינסטיטוציעס האבען זיך פערקלענערט און די הוצאות — פערגרעסערט, און דאס זעלבע איז אויך מיט'ן לינת הצדק, אויך איצט פיהרט ער זיין טעטיגקייט נארמאל און ערפולט זיין אויפגאבע.

עס איז גענוג צו לעזען דעם טעטיגקייטס בעריכט פאר'ן לעצטען יאהר, וואס ווערט פערעפענטליכט אין היינטיגען נומער פון אונזער צייטונג און זיך צו איבערצייגען, אז די ארבייט ווערט געפיהרט גענוג אינטענסיוו און פערדינט די גרעסטע אנערקענונג.

עס איז זעלבסטפערשטענדליך דאס עס זענען פערהאן אויך אונצופרידענע, אבער יעדער מענש פערשטעהט דאך אז אין דער יעצטיגער קריזיס-צייט ווען די צאהל נצרכים פערגרעסערט זיך מיט יעדען טאג, איז דאס א זאך פון דער אונמעגליכקייט אז מען זאל קענען אלע צופרידענשטעלען און בעפרידיגען אין דער פולער מאס די אלע וואס ווענדען זיך נאך הילף און אונטערשטיצונג.

עס איז דעריבער אהן ספק דער חוב פון דער גאנצער היגער יודישער בעפעלקערונג צו אונטערשטיצען מיט אלע מעגליכקייטען די דאזיגע וויכטיגע אינסטיטוציע און איהר מיטהעלפען אז זי זאל קענען פערברייטערען איהר טעטיגקייט לטובת אונזערע ארימע און קראנקע שוועסטער און ברידער, וואס זייער ביטערע לאגע צווינגט זיי אויסצושטרעקען א האנד נאך הילף און אונטערשטיצונג.

וועגען דער נייער אויטאבוסען-קאמוניקאציע.

זינט דעם 15 ד. ח. איז ווי בעוואוסט די שטאדטישע אויטאבוסען-קאמוניקאציע איבערגעגאנגען צו דער פריוואטער אויטאבוסען-געזעלשאפט „סיטראען".

מיר האבען שוין אויפמערקזאם געמאכט אז די נייע ארדנונג וואס ס'איז איינגעפיהרט געווארען דאס מען האט אבגעשאפט די קאנדוקטארען און בילעטען ווערען פערקויפט דורך די שאפערען באלד ביים אריינגעהן, איז פאר די פאסאזשירען נישט בעקוועהם, צוליעב דעם, וואס דאס אריינגעהן און ארויסגעהן פון די פאסאזשירען קומט פאר דורך איין טיער און דויערט צו לאנג, אבער דאס קען מען געוויס בערעכטיגען מיט דעם, וואס די געזעלשאפט האט געוואלט איינשפארען, איבערהויפט אין דער ערשטער צייט, איידער זי ווייסט נאך ווי גרויס עס וועלען זיין די פערדינסטען.

דאגעגען מוז מען אויפמערקזאם מאכען אויף דעם נייעם רייזע-פלאן וועלכער איז נישט גוט אהערגעשטעלט, אז עס קומט אויס למשל אין דעם הויפט-צענטער (די אלעען) געהן פיעל מאל דורכ'ן טאג צוויי אויטאבוסען איינער נאכ'ן אנדערן, און דאגעגען פיעל מאל מוז מען ווארטען אויף א אויטאבוס 45 מינוט, און דאס אין דער צייט, ווען די ליניע Z געהט היינט אויך אין דער זעלבער ריכטונג וואס ליניע A אנשטאט וואס פריהער האבען די רייזענדע אויף דער הויפט-ליניע A געוואוסט אז יעדע 35 מינוט רעגולער קורסירט א אויטאבוס, מוזען זיי יעצט כסדר זיך בענוצען מיט'ן רייזע-פלאן וועלכער שטעלט זיי נישט צופרידען.

די דירעקציע דארף דאס נעמען אין אכט.

אלגעמיינע פערזאמלונג פון „עורה".

דער היגער פרויען-פעראיין „עזרה" רופט א יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון זיינע מיטגלידער אויף קומענדען מאנטאג דעם 27 ד. ח. אין אייגענעם לאקאל (אלעע 10).

דער דאזיגער פעראיין האט מיט זיין טעטיגקייט זיך שוין געמאכט גענוג פאפולער און בעקאנט אין אונזער שטאדט מיט זיין טעטיגקייט, איבערהויפט די פערוואלטונג, וואס ארבייט אונערמידליך מיט אלע כחות צו ערפולען איהרע אויפגאבען אין דער היינטיגער שווערער צייט ווען א פילאנטראפישע אינסטיטוציע מוז אנווענדען די גרעסטע אנשטרענגונגען זיך צו קענען דערהאלטען.

די אלגעמיינע פערזאמלונג וועט אהן ספק ארויסרופען די נויטיגע פעראינטערעסירונג נישט נאר צווישען די מיטגלידער נאר בכלל אין אלע קרייזען פון דער היגער יודישער געזעלשאפט.

די אויפזיכטס-מאכט ווידער אנולירט די פרעזידיום-וואהלען פון דער היגער קהלה-פערוואלטונג

ווי בעוואוסט זענען אין 24 אפריל ה. י. פארגעקומען צום צווייטען מאל וואהלען פון קהלה-פרעזידיום, בעת וועלכע עס זענען אויסגעוועהלט געווארען אלס פרעזעס פון דער פערוואלטונג דער ביז איצטינער פרעזעס ה' גאלדשטיין און אלס וויצע פרעזעס דער פערוו. מיטגליד ה' ב. זשעריקער.

די דאזיגע וואהלען האבען לויט'ן געזעץ געדארפט האבען די בעשטעטיגונג פון דער אויפזיכטס-מאכט, וועלכע האט די פריהערדיגע פרעזידיום-וואהלען נישט בעשטעטיגט.

די וואך האט די גמינע בעקומען צוגעשיקט פון סטאראסטווא א בריעף אין וועלכען עס ווערט מיטגעטיילט, אז דאס מיניסטעריום האט ענדגילטיג אנולירט די אויבענדערמאנטע פרעזידיום וואהלען אין די פערזאנען פון ה' ש. גאלדשטיין אלס פרעזעס און ה' זשעריקער אלס וויצע פרעזעס, און עס ווערט פאראָרדענט, אז נייע פרעזידיום וואהלען פון דער פערוואלטונג זאלען פארקומען קומענדען דאנערשטאג ד. 30 ד. ח. 6 א זייגער אוונט אין דער אנוועזענהייט פון א פארשטעהער פון דער אויפזיכטס-מאכט.

וועגען די וואהלען פון פרעזידיום פון קהלה-ראט וואס זענען אויך פארגעקומען אין זעלבען טאג, איז נאך קיין דעציזיע פון דער אויפזיכטס-מאכט נישט פערהאן.

הייסט דאס אז מיר וועלען ווידער האבען פרעזידיום-וואהלען, און וואסערע שטעלונג די פערשידענע ריכטונגען וואס זענען פערטרעטען אין דער קהלה וועלען איצט אננעמען איז זעלבסטפערשטענדליך נישט אזוי לייכט פארצוזעהען.

בלימעל-טאג פון „לינת הצדק"

דער היגער „לינת ה צדק" ארדענט איין קומענדען דינסטאג א גאסען-זאמלונג דורך אנ'אבצייכנונג כדי צו פערגרעסערען די איינקונפטען פון דער געזעלשאפט. עס אונטערליגט נישט קיין שום ספק, אז די היגע יודישע געזעלשאפט וועט די אקציע ווארים אונטערשטיצען.

האט רחמנות!

אויף דער נאכט פון דינסטאג אויף מיטוואך איז פערלוירען געווארען א האנד-בייטעל מיט 200 זל.

דער עהרליכער פינדער ווערט געבעטען אוזאלכעס אבצוברענגען אין רעד. „טשענסטאכאווער צייטונג", ווייל עס איז מיט שווייס-אויסגעהארעוועט געלד.

קליינער פעליעטאן.

וואו איז ער אהינגעקומען...

יודען, אפשר ווייסט איהר, וואו עס איז אהינגעקומען מיין שכן ישראל יודעל?

ער איז מיר פערשוואונדען געווארען און טראץ אלע בעמיהונגען געוואויר צו ווערען וואו ער געפונט זיך, איז עס מיר נישט געלונגען.

עס וואלט געווען נישט ריכטיג, ווען איך זאל זאגען, אז עס איז נישטא קיין שפור פון איהם. דאס נישט, איך ווייט אפילו, אז ער איז אוועק אויף דאטשע פראווען הלכות זומער-וואוינונג, נאר אנרופען דאס ארט קאן איך נישט, ווייל — ווייל עס איז מיר א חרפה צו זאגען — ער האט עס מיר נישט מגלה געווען.

אויב ישראל יודעל האט אפילו פאר מיר מורא געהאט אויסצוזאגען וועגען זיין מקום-מקלט, איז א סימן, אז ער האט געהאט וויכטיגע סיבות דערצו...

עס איז געווען מיט א קורצער צייט צוריק און בעת מיר האבען געהאלטען אין מיטען פון אונזערע געוועהנליכע שמועסען, האט מיר ישראל יודעל ארויסגעווארפען א ווארט, האט געצויגען מיין אויפמערקזאמקייט — „איך וועל אוועק ווי די אויגען וועלען מיך טראגען און קיינער וועט אפילו נישט וויסען וואו כ'בין אהינגעקומען".

ווען כ'האב איהם געפרעגט, וואס איז, איהר ישראל יודעל, וואס קוקט אזוי אפטימיסטיש אויף אלע ערשיינונגען, וועלכער האלט אין איין טענה'ן ביי אלע שווערע סיטואציעס, אז עס מוז בעסער ווערען, איהר זאלט רעדען אזעלכע רייד?

יא מיין פריינד — האט ער מיר דאמאלס גענטפערט — איך רעד אזוי און וועל עס אויך אויספיהרען, ווייל איך גלויב נישט מעהר אין קיין נסים, עס איז כלו כל הקצין. איך האב אלץ געוואורט, געהאפט, טאמער דאך, אדער דער קריזיס וועט פערשוואונדען ווערען און עס וועט זיך אנהויבען א נארמאל לעבען, אדער אז נישט וועט אויסברעכען א מלחמה מיט אלע קאנסעקווענצען און א סוף זאל עס נעמען.

— זיצען זיי דארט אין לאזאן, אדער אנדערשוואו און האלטען אין איין פלאנעווען און קיין מלוכה איז נאך פון דעם נישט געהאלפען געווארען. און געדולד איז נישטא און ווער שמועסט כח אויסצוהאלטען די סיטואציע — איז אוודאי נישטא.

דעם וועלט-צושטאנד קאן מען פערגלייכען מיט דער קהלה סיטואציע. נישט זי לעבט, נישט זי איז געשטארבען, שוין אוועק א יאהר, און ביז'ן היינטיגען טאג איז נישטא קיין פרעזידיום און מען ווייסט נישט אויף וואס פאר א וועלט מען איז.

די וועלט סיטואציע איז נאך געגליכען — זאגט ווייטער ישראל יודעל — צו א פאכמורנעם טאג, ווי די וואלקענעס הענגען אין דער לופט און מען ווייסט נישט צו דארף מען מיטנעמען א שירם אדער א שטעקען...

וואס ארט אייך — האב איך דאמאלס איהם געפרעגט — עס איז דען אייער וועלט, האט איהר א דאגה, זאל זיך די וועלט שלאגען קאפ אין קישען, אבי איהר לעבט זיך אדורך די פאר יאהרען און פערטיג...

אט דאס זעהסטו — רייסט ער מיר איבער — וואלט דאך גוט געווען, די צרה איז אבער, וואס מען לאזט נישט לעבען. אז די סעקוועסטראטארען דערמאנען מיך טאג טעגליך, אז וויפיעל איך זאל זיי נישט אוועקגעבען קומט זיי אלץ נאך א רעשט. ווער שמועסט דאס וואסער, דאס מאכט דאך מיר שוין אינגאנצען טויט, מיט'ן ווירט בין איך אדורכגעקומען, ער וועט מיר ווארטען מיט'ן דירה געלד, אבער פאר וואסער מוז איך צאהלען. דאן ווערט מיר אויך נמאס דאס זיצען אין דער פינסטער, ווי לאנג איז דער שיעור?

איבריגענס — זיפצט אב נאך א לענגערע הפסקה ישראל יודעל — איז מיר די שטאדט מיט איהרע פליאטקעס און רכילות, מיט איהרע 2 קליינהענדלער-פעראיינען, מיט די יודישע צייטונגען, מיט די 5 יודישע בענק, מיט די בעלי טובות און פערזארגער מיט זייערע בלימעל טעג, מיט די „ציוניסטען", „דעמאקראטען", „מזרחי" און „אגודה" מיט זייערע אמת'ן און די בעלי חובות, פאר זיי אלע איז מיר מאוס און נמאס געווארען. איך ווער דערשטיקט, איך וויל זיך ארויסרייסען כאטש אויף עטליכע חדשים ווייל איך זיין מיט זיך אליין. אין א וואלד וועל איך וואוינען מיט חיות. נאר נישט מיט מענשען, איך וועל אוועק, אז קיינער זאל נישט וויסען ווי מיין געביין איז אהינגעקומען...

— — — — — —

פון דאמאלס אן האב איך זיך מיט איהם נישט געזעהען. אין א שעהנעם פריהמארגען האב איך געוואויר געווארען, אז ישראל יודעל איז אוועק. קיין אדרעס, קיין ווארט, ווי אין וואסער אריין.

יודען, אפשר ווייסט איהר ווי מיין הארציגער שכן איז אהינגעקומען, כ'לעבען, כ'דארף עס נויטיג וויסען...

סמאל.

Na mocy zezwolenia Izby Rzemieślniczej

SZKOŁA DOKSZTAŁCAJĄCA WIECZOROWA PRZY SZKOLE RZEMIOSŁ DLA ŻYDOW w CZĘSTOCHOWIE, UL. GARNCARSKA 8

podaje do wiadomości iż organizuje DWUTYGODNIOWY KURS DOKSZTAŁCAJĄCY CZELADNICZY, dla CHCĄCYCH ZDAWAĆ JAKO EKSTERNIŚCI, który trwać będzie

od 1-go lipca do 15-go lipca b. r.

Zapisy przyjmuje kancelarja w godz. po poł. od 4-ej do 7-ej.

ענדעקעס און היטלעריזם.

(פון דער פוילישער פרעסע)

אין פריהערדיגען נומער פון אונזער צייטונג האבען מיר אנגעוויזען, אז די ווילדע העצע פון דער „גאזעטא נא־ראדאווא" אין יעצטיגען מאמענט ציהט אונפארציפעל איהר חיונה פון דער ווילדער היטלעריסטישער בעוועגונג אין דייטשלאנד.

די דאזיגע מיינונג בעשטעטיגט די היגע „סלאָווא טשענסטאָכאָווסקיע", וועלכע פאָלעמיזירט אין א רייהע פראַ־גען וועגען דער פוילישער יוגענד, מיט דעם ענדעקישען אָרגאן און ציטירענ־דיג איין זאץ פון דעם דאזיגען בלע־טיל, אין וועלכען עס ווערען פּראָוואָ־צירט יודען אין פוילען.

און דער אויטאָר פון „סלאָווא" דער רעדאַקטאָר זעלבסט ה' שמידט ענדיגט, זאגאר אין א צופיעל העפליכער און דעליקאַטער פאָרם:

„דער אויסדרוק „נאַציאָנאַל", וועלכער איז ענטשטאנען אין דער אטמאָספערע פון שקר, דערמאנט ביז נישט צום דער־קענען די ווילדע קריגס־שטימונ־גען פון קעמפּענדען היטלע־ריזם".

— — — —

מיר וואָלטען די וואך אונזערע לע־זער ווייטער געקענט בערייכערען מיט איינינע אויסצוגען פון דער „גאזעטא נאראדאווא", וועלכע האט געדרוקט א ווייטערדיגען העצערישען ארטיקעל גע־גען יודען, אָבער דאסמאל האט זיך די מאכט מקיים געווען און די דאזיגע צייטונג קאנפיסקירט, אזוי, אז מיר פערשפּארען צום גליק צו זעהען אין דער ספעטעלקייט די העצערישע פערל פון דער „גאזעטא".

ר.

א טראַגעדיע אין גנאַשין.

נעכטען האָט זיך ס'לעבען גענומען דורך דערטרינקען זיך, דער בעאַמטער פון גנאַשינער־מאַנופאַקטור פּאַבריק, יוליאן פּאַוולישאָק.

פּאַוולישאָק איז אַלט געווען 33 י. און האָט פערלאָזט א ווייב מיט צוויי קינדער.

ווי ס'ווייזט זיך ארויס איז די לעצ־טע טעג פאָרגעקומען קריגערייען צווי־שען מאַן און ווייב. צו דעם זענען צוגעקומען פינאַנציעלע דאגות, וואָס האבען דערפירט דאָס עמטסיל.

איידימאָמענדיג פון שטאָדט האָט פּאַוולישאָק זיך שטאַרק געקושט מיט זיינע קינדער, נאכהער איז ער אריין אין א צווייטער שטוב. א פּאָר מינוט שפּעטער האָט זיך דערהערט א שאָס. די שטוב־מענשען, וואָס האבען געפּאַנט די מיר האבען דערזעהען דעם זעלבסט־מערדער ליגען אויף דער ערד אָהן שום לעבענס־סמנים און פון דער שליף האָט גערינען בלוט.

די טראַגעדיע איז פערשידענע קאָמענ־טירט געוואָרען דורך זיינע אַרבייטס־קאָלעגען אין דער סביבה.

מען זוכט אוצרות אויף דער יאַסנא־גורא.

ביים פּאָלק איז פערשפּרייט א לע־גענדע, אז אויף דער יאסנא־גורא זע־נען בעהאַלטען גרויסע אוצרות.

די לעצטע טעג האָט זיך צום שטאָדט־קאָמיסאַר ה' מאַזור געמאָלדען א געוויסער גינעלע טיקלע, וועלכער האָט ערקלערט, אז אויפ'ן אָרט וואו ס'איז אַמאָל געשטאַנען דער דענקמאָל לכבוד אלעקסאנדער דעם 2־טען ליגען לעבענדעגע אוצרות.

דער קאָמיסאַר האָט זיך בעצויגען צו טיקעלעס ערקלערונגען מיט אונ־צוטרוי, דאָך האָט ער פּאַרערדענט צו־צוטרעטען צו זוכען, אויב די לעגענדע איז נישט אמאָל א פאַקט.

אָז מ'וועט לעבען וועלען מיר עס זעהען.

א זאָאָלאָגישער גאָרטען אין טשענסטאָכאָוו.

פּיעל טשענסטאָכאָווער ווייסען נישט, אז ביים ערשטען מלוכה'שען גימנאַ־זיום איז פערהאַן א זאָאָלאָגישער גאָר־טען אין מיניאַטור.

יעצט מאַכט די דירעקציע פון גימ־נאַזיום א פּלאַן אויסצובערייטערען איהם און איינצוקויפען פערשידענע חיות א. אנד. בעשעפעניסען.

אויספלוג נאך דזיאַלאָשין.

זונטאג דעם 26 יוני אָרדענט איין די היגע געזעלשאַפט פאַר לאַנדקענט־שאַפט א איינטאָגיגען אויספלוג נאָך דזיאַלאָשין, פּאַיענטשנאָ און אומגעגענד. הוצאות 5 זל.

איינשרייבען קען מען זיך אין לאָ־קאַל פון דער לאַנדקענטשאַפט־געזעל־שאַפט, אלעע קאָשטשושקי 16.

די צאָהל אַנטיילנעמער איז בעגרע־ניצט.

אלע גרייטען זיך אויף דער מאַר־געגדיגער גאָרטען־פערוויילונג.

דעם פערגאנגענעם שבת האָט די גאָרטען־פערוויילונג פון די פּרק־שולען געמוזט אָבגעלייגט ווערען צוליעב'ן שלעכטען וועטער און וועט דעריבער פּאָרקומען דעם 25 ד. ח.

אלזאָ מאָרגען שבת 4 נאָכמיטאָג טרעפט זיך די גאַנצע יודישע בעפעל־קערונג אין פּאַרק „סטאַשיצא" אויף דער פערוויילונג.

עס וועלען זיין פּיעל אַטראַקציעס און פערוויילונגען. דעם קאָנצערט וועט אויספיהרען דער בעקאַנטער אָרקעסטער פון 27 פּולק אין זיין פולען קאָמפּלעט.

עס וועט זיין א גאָהר רייכע און ווערט־פולע פּאַנטאָן־לאָטעריע, ס'איז אויך צוגעגרייט געוואָרען אַן'איינגענער בי־ליגער בופעט א. א.

עס איז דערפאַר גאָר קיין וואונדער נישט, וואָס די גאָרטען־פערוויילונג האָט אַרויסגערופען א גרויסען אינטערעס אין דער גאנצער שטאָדט צווישען אַלע קריי־זען און ער גיט די פולסטע זיכערקייט, אַז די אונטערנעהמונג וועט האָבען רעם פערדינטען ערפאָלג.

בילעטען זענען זעהר ביליג: צו 50 גר. פאַר עלטערע און צו 25 גר. פאַר שול־יוגענד און קינדער.

איבערגעלאָזט א זאַק מעהל, א הי־טעל, שעלקעס און שקאַרפעטקעס.

אין צווייטען פאָליציי־קאָמיסאַריאַט געפונט זיך א זאַק מעהל, וואָס איז אוועקגענומען געוואָרען אנטלויפענדע גנבים, אויף אַנ'אַנדער אָרט האָט פּאָ־ליציי געפונען א שילער־היטעל, שעל־קעס און שקאַרפעטקעס.

א שרפה.

ביי יוזעף יאַגעלאָ איז צוליעב נישט פאַרזיכטיג אומגעהן מיט פייער, פער־ברענט געוואָרען א האָלצען הייזעל און שטוב־מעבעל אין דער ווערט פון 3200 זלאָטעס.

פערלוירעז און געפונען א ראָווער.

איזידאָר סטעפּאַנסקי וואָנסקאָ 12, האט געמאָלדען דער פּאָליציי, אז מ'האָט ביי איהם געגנ'בעט א ראָווער.

אויפ'ן פּאָליציי - פּאָסטערונעק אין פּושטשערוב געפונט זיך א ראָווער פון דער פירמע „מאַרס", דעם ראָווער קען מען באַלד אָננעהמען געגען סמנים.

א באַהן - קאַטאַסטראָפע אונטער פּיעטרקאָוו.

מיטוואָך 5 פריה איז אויף א סחורה־צוג, וואָס איז געגאַנגען פון פּיעטרקאָוו אין דער ריכטונג נאָך טשענסטאָכאָוו ארויף א מאַנעווריר־ענדיגער לאָקאָמאָ־טיוו, פונ'ם צוזאַמענשטויס איז דער לאָקאָמאָטיוו אראָפּ פון די רעלסען.

דער געהילף פון מאַשיניסט האָט בעקומען שווערע וואונדען.

אויפ'ן אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע איז אָנגעקומען די אויספאָרשונגס־קאָמי־סיע מיט'ן פּראָקוראָר איזדעבסקי אין דער שפּיץ, וואָס האָט פערפיהרט אַנ'־אויספאָרשונג.

זעלבסטמאָרד צוליעב א פרוי.

אין זאַוואַדזשער־פּאַרק האָט זיך גע־פּרובט נעמען ס'לעבען א געוויסער סטאַניסלאַוו פּאַלינסקי ספּאַרנא 8, פּאָלי־ציי פיהרט אַנ'אויספאָרשונג.

קליינע גנבות.

וולאַדיסלאַוו קאָווישיק האָט געמאָלדען דער פּאָליציי, אז פון זיין פריזיר־אנשטאַלט אויף דער דאָמבראָווסקי־גאַס האָט מען ארויסגע'גנבעט א מאַרינאַרקע און א הוט אין דער ווערט פון 35 זל.

די פּאָליציי האָט פערהאַלטען צוויי פערזאָנען בעת'ן גנב'נען אגרעסט אין פרעמדע גערטנער, מ'האָט ביי זיי אָנ־גענומען 20 קילאָ אגרעסט.

די יודישע בעקער פייערן די ענטהילונג פון צעך־פאָהן.

די יודישע בעקער און צוקערניקעס פייערען דעם קומענדען מיטוואָך די ענטהילונג פון זייער צעך־פאָהן, וועל־כען זיי האָבען פערטיג געמאַכט.

די פייערונג קומט פאָר אין זייער אייגענעם לאָקאַל אלעע 12 און וועט זיין זעהר גראַנדיעז.

דער פּראָגראַם פון דער פייערונג שטעלט זיך פאָר ווי פאָלגענד 1) ער־עפנונג, 2) ענטהילונג פון פאָהן, 3) בעגריסונגען און נעגעל קלאַפּען, 4) באַנקעט.

די בעקער־מייסטער, וועלכע זענען טריי זייער צעך, גרייטען זיך זעהר שטאַרק צו זייער יום־טוב.

פון ספּאָרט.

פון יודישען טורן־ספּאָרט־פעראיין.

די דאַמען - דרוזשינעס האָבען גע־שפּילט דעם פערגאַנגענעם שבת נעגען דער „בריגאַדאַ", איבער וועלכע זיי האָבען אָבגעהאַלטען גרויסע נצחונות אין נעץ־באַל 17:30 און אין קאַרב־באַל 2:28. דאס האָט דער י. ט. ס. פ. דאַ־מען־מאַנשאַפט פערזיכערט די מייסטער־שאַפט פון טשענסטאכאוו אין נעץ און קאַרב־באַל. יעצט קומט זיי נאָך אויס צו שפּילען וועגען אריבערגעהן אין „א" קלאַס מיט די מייסטער פון קראקאָווער און כרזאַנאָווער „בע" קלאַס. כדי די דאַמען דערצו געהעריג צוצוגרייטען האט די לייטונג דעם פערגאַנגענעם זונטאג אראָבגעברענגט דעם ערשט־קלאַסיגען אויבערשלעזישען ספּאָרט־קלוב „פ. ז. פ." פון קעניגסהיטע. רעזולטאַטען: אין דאַמען נעץ־באַל האָט אונזער מאַנשאַפט נאָך א זעהר שעהן און אינ־טערעסאַנט שפּילען געוואונען 18;24.

דער דאַמען קאַרב־באַל איז געוואָרען געפיהרט אין א שאַרפען טעמפּאָ און האָט זיך אויך פערענדיגט מיט'ן זיעג פון י. ט. ס. פ. 10:18. אין מענער נעץ־באַל האָט געזיעגט יטספ 19:23 און אין קאַרב - באַל פּוּפּ אין א גלענ־צענדער פאָרם 10:40

קומענדען זונטאג שפּילען די מענער דרוזשינעס אין פּאַרק געגען הקס.

איינשרייבונגען ווערען אָנגענומען יעדען טאָג פון 5—8 אָוונד אויפ'ן ספּאָרט־פּלאַץ, אַלעע וואַלנאָשטשי.

דער פעראיין האט געמאָלדען צום פ. א. ס. 10 דאַמען און 20 מענער.

פון „וואַרטאַ"

מאָרגען שבת ד. 25 אויפ'ן אייגענעם ספּאָרט־פּלאַץ פון יודישען ספּאָרט־קלוב „וואַרטאַ" (קאָשאַראָווא גאַס) מעטשען וועגען מייסטערשאַפט אין נעץ און קאַרב־באַל צווישען וואַרטאַ—טוריסטען. אנהויב 6 אָוונד.

אַלס פאַרמעטש וועלען שפּילען די צווייטע מאַנשאַפטען פון די דאָזיגע קלובען. אנהויב האַלב 5. איינגאַנג 25 גר.

„Grand-Kino"
קאָשטשושקי גאַס.
לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.
קרזעסלאָ 1 זלאָטי.

קינאָ און רעווי! מעכטיגע ליבעס־דראַמא מיט די אמעריקאנער שטערענס קינאָ און רעווי!
זשאַן דזשילבערט, לייל האַימס, וואַלאַס בעערי
Siedem portów--Siedem dziewcząt
אויף דער סצענע: „האַנד און האַנד"
מיט די ארטיסטען ראַפּאַצקאַ, פּערובנאַ, וועלין, גראַנאַווסקי און יאַראָוו־דועט.

Teatr „ODEON"
אלעע 27.
לעצטער סעאַנס 10 אָוונד.
אויפ'ן 1 סעאַנס קרזעסלאָ 70 גר

היינט עקראַן און סצענע צוזאַמען! אויפ'ן עקראַן: דראַמע—ליעבע—אינטריגע אין דעם נייעסטען פילם
ROMANS w BIARRITZ
אין די הויפט־ראָלען: דאָראָטאַ מאַקאַיל און וואַרנער באַקסטער.
אויף דער סצענע: אויפטריטען פון וואַרשאַווער רעווי־אַרטיסטען דיר. ש. וואָלינסקי
הומאָר! געלעכטער! קאָנצערט! טענץ! לידלעך! גראָטעסקעס!
צווישען אנדערע פּאָלולי־קינדער בעקאַנטע פון ראַדיאָ פענאָמענאַל־קאָנצערטיסטען.

צייטווייליגער פאָהר - פּלאַן פון די שטאָדטישע אויטאָבוסען

ליניע A						ליניע Z					
אויף רינעק וויעלונסקי			נאָך ראַקאָוו			נאָך טשענסטאָכאָוויאַנקע			נאָך זאַטשיש		
פון נייעם מאַרק	[illegible]	פון ראַקאָוו	[illegible]	פון נייעם מאַרק	[illegible]	פון נייעם מאַרק	[illegible]	[illegible]	[illegible]	פון נייעם מאַרק	[illegible]
7.15			7.15	7.–		7.50	7.35	7.20	7.05	6.50	–
8.–	7.45	7.30	8.–	7.45	7.30	8.50	8.35	–	–	8.20	8.05
8.45	8.30	8.15	8.45	8.30	8.15	10.05	9.50	–	–	9.20	9.05
9.30	9.15	9.–	9.30	9.15	9.–	11.40	11.25	11.10	10.50	10.35	10.20
10.15	10.–	9.45	10.15	10.–	9.45	12.40	12.25	–	–	12.10	11.55
11.–	10.45	10.30	11.–	10.45	10.30	14.00	13.45	–	–	13.30	13.15
11.45	11.30	11.15	11.45	11.30	11.15	15.15	15.00	–	–	14.30	14.15
12.30	12.15	12.–	12.30	12.15	12.–	16.15	16.00	–	–	15.45	15.30
13.15	13.–	12.45	13.15	13.–	12.45	17.45	17.30	17.15	17.00	16.45	16.30
14.–	13.45	13.30	14.–	13.45	13.30	18.45	18.30	–	–	18.15	18.00
14.45	14.30	14.15	14.45	14.30	14.15	20.00	19.45	–	–	19.30	19.15
15.30	15.15	15.–	15.30	15.15	15.–	21.30	21.15	21.00	20.45	20.30	20.15
16.15	16.–	15.45	16.15	16.–	15.45						21.45
17.–	16.45	16.30	17.–	16.45	16.30						
17.45	17.30	17.15	17.45	17.30	17.15						
18.30	18.15	18.–	18.30	18.15	18.–						
19.15	19.–	18.45	19.15	19.–	18.45						
20.–	19.45	19.30	20.–	19.45	19.30						
20.45	20.30	20.15	20.45	20.30	20.15						
21.30	21.15	21.–	21.30	21.15	21.–						
				22.–	21.45						

Redaktor: Izrael Płockier   Wydawcy: B. Bocian i I. Płockier   Druk. B. Bocian, Aleja 6